בס"ד / שנה ו' / פרשת שופטים / נומער 325

# כרעטל

**פארוואס איז ביליגער א פלייט מיט א סטאפ?**
גרשון קרעמער

**א דעקע פאר א פדיון**
אהרן קליטניק

**צדקה פאר א גוי?**
דומ"ץ שליט"א



## על בנינו ועל דורותינו

קביעות מזוזה אין מחנה אילן החיים
מיט די תומכים פון די נייע חדרים

**בס"ד**

שופטים
תשפ"ו

**נומער**
**325**
שנה ו'


| | |
|---|---|
| **06** | היכל הקודש נייעס |
| **08** | אלץ און אלעמען |
| **10** | א ווארט צווייי |
| **12** | גאסט ארטיקל |
| **14** | א בריוו פון ר"י |
| **16** | קרן הבנין |
| **18** | א מעשה פון א צדיק |
| **19** | לעבנסגעשיכטע |
| **20** | היכל הלכה |
| **22** | געדאנקען |
| **25** | געשעעניש |
| **28** | אנשי חיל בילדער |





















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וויס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.


# בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938





כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקער פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.




# Traveling to Europe or Ukraine?

- Groups or Single
- We Have The Most Updated Comfortable Vehicles
- Experienced Safe Drives



אומן אקספרס
UMANEX

Call Elchanan Stauber **347-361-2181**

$360

איך טו צו
די זאך

איך העלף דעם
רבינ'ס זאך

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

אהוי
א ספר
נאך א קונטרס
נאך א גליון
נאך א סידר
נאך




*sruliHeskel

פונעם רבינ'ס ליפ

$1800

איך ברענג פאר רפואה

$1000

איך קום נישט ליידיג




# דעם רבינ'ס זאַך

איך קום צום רבי'ן
מיט פולע טאשן
איך בין עוסק אין:

רופט שוין: 347.578.4449

# היכל הקודש נייעס



## העפטיגע הכנות צו
# ראש השנה
## אין אומאן

ברוך השם, די ארבעט אין אומאן פארן קומענדיגן ראש השנה איז שוין אין פולן שוואונג. אין די טעג האט מען אנגעהויבן צוריק אויפצושטעלן דעם גרויסן טענט, וואס דינט אלס דער ריזיגער עס-זאל פאר די הונדערטער משתתפים.

יעדעס יאר נאך יום טוב נעמט מען אראפ די גאנצע פלאסטיק איבערדעקונג, די לייטס און אלע צוגעהערן פונעם טענט, און עס בלייבט בלויז איבער דער אייזענער סטרוקטור.

יעצט, ווען עס זענען שוין פארבליבן בלויז פינף וואכן ביז די פליגערס הייבן זיך, ארבעט די הנהלה אריין מיט גרויסע כוחות צו קענען צושטעלן אלע געברויכן און אויפנעמען דעם חשובן ציבור כראוי וכיאות.

אין דער זעלבער צייט גייען אויך אן נאך פילע צוגרייטונגען איבערן גאנצן קאמפלעקס. ארבעטער רייניגן, פאררעכטן און גרייטן צו יעדן ווינקל, בשעת מען באשטעלט שוין די גרויסע ארדערס פאר די ריזיגע קוואנטומס פון עסנווארג און אלע נויטיגע געברויכן, ווי חלות, פלייש, פיש, אויל, צוקער, טרינקען, פעיפער גודס און נאך.

צווישן די פילע צוגרייטונגען צו קענען סערווירן דעם גרויסן ציבור מתפללים, האט מען די טעג אנגעהויבן אנצוגרייטן די שיינע מקוה אויף יום טוב.

ווי מען גיבט איבער, ווערט אין די יעצטיגע טעג דורכגעפירט א גרונטליכע איבערפרישונג אין די מקוה. מען וואשט אויס דעם בור מיט ספעציעלע געצייג און מען מאכט זיכער עס זאל זיין ציכטיג ריין. די ארבעט ווערט געטאן מיט גרויס פלייס, כדי עס זאל זיין פולשטענדיג גרייט בעזרת השם, ריין און געשמאק, לכבוד ראש השנה הבעל"ט.

עס דארף באמערקט ווערן אז דאס איז בלויז איינע פון די פילע צענדליגע הכנות אויף וואס די געטרייע עסקנים ארבעטן אין די טעג, כדי אנשי שלומינו זאלן האבן א געשמאקן און שיינעם יום טוב בס"ד. די מקוה איז בלויז איין שרויפל אינעם גרויסן פראיעקט צו העלפן דעם גאנצן ציבור האבן א רואיגן, באקוועמען און שיינעם יום טוב מיט'ן אויבערשטנס הילף.

וואס עס איז אונז איבערגעבליבן צו טון, איז צו דעם בעטן דעם אייבערשטן. בפרט ווען מען זעט ווי די מלחמה צווישן רוסלאנד און אוקראינע פלאקערט מיט א פרישקייט - כאילו עס האט יעצט ערשט אנגעהויבן. דארפן מיר זיך אויך מחזק זיין מיט תפילה, פונקט ווי מיר וואלטן יעצט צום ערשטן מאל אין לעבן געהערט די געוואלדיגע עצה פון רעדן צום אייבערשטן אויף אידיש. עס איז כדאי דאס טאקע אריינצונעמען אין אונזערע תפילות און בעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל דורכגיין בשלום, און אלע אידן זאלן קענען אנקומען קיין אומאן בשלום און זיך אומקערן אהיים בשלום.

בפרט אין די הייליגע טעג ווען מיר זענען מתפלל "ועל המדינות בו יאמר, איזו לחרב ואיזו לשלום", דארפן מיר פועל'ן ביים רבי'ן אין אומאן אז די אלע פעלקער זאלן שוין אראפלייגן זייערע שווערדן און אונז לאזן קומען צו זיין הייליגע ציון במנוחה, בשלום ובשלוה.

**מי באש ומי במים**

**גרשון קרעמער**



# "אנשי חיל - לעבנסגעשיכטע" קאמפיין גרייכט ב"ה העכער 1.35 מיליאן דאלאר

פארלאפענע וואך איז פארגעקומען די ניינטע "אנשי חיל" קאמפיין לטובת אונזערע הייליגע מוסדות היכל הקודש ברסלב. די יעצטיגע קאמפיין, וואס איז געלאפן אונטערן נאמען "לעבנסגעשיכטע", האָט געמאַכט א געוואַלדיגן קידוש השם אין די גאנצע אידישע וועלט, און האָט קלאר געוויזן די שטארקע געטריישאפט פון אנשי שלומינו צום באשעפער און צום ראש ישיבה שליט"א.

העכער 600 חשוב'ע אידן פון אנשי שלומינו - תלמידים פון אמעריקע, ארץ ישראל, און איבער די גאנצע וועלט - האבן זיך צוגעשטעלט אלס גבאי צדקה. יעדער איינער האט געעפנט א פעידזש, אנגערופן חברים, משפחה און באקאנטע, און אריינגעלייגט כוחות כפי יכלתו ארויסצוהעלפן די קהילה. די קאַמפּיין-פירער און די טיעם מענעדזשערס זענען געבליבן שטארק נתפעל זעענדיג די מורא'דיגע ווארימקייט און ערנסטקייט וואס דער עולם האט אריינגעלייגט אינעם צוועק.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גאר שטארק הנאה געהאט פון דעם פאקט אז יעדער אן אויסנאם איז געגאנגען נאך געלט, דער ראש ישיבה שליט"א האט אסאך גערעדט פון דעם וואס די הייליגע צדיקים האבן זייער שטארק געארבעט אויף דעם אז יעדער איד זאל גיין צוזאמנעמען צדקה, אפילו א גאנץ יאר דארף מען גיין נאך געלט, מען מוז עוסק זיין אין צדקה, נישט קיין חילוק פארוואס מען גייט, זאל עס זיין צו בויען מוסדות התורה, זאל עס זיין ארויסצוהעלפן א איד א נצרך, עס פעלט נישט קיין צדקה צוועקן ביי כלל ישראל, אבער מען מוז גיין נאך געלט. און יעצט אז מען האט דעם כח הרבים אז יעדער גייט נאך געלט פאר די מוסדות, האט עס ארויסגעשלעפט יעדן פון זיין פלאץ און עס געמאכט אביסל גרינגער זיך צוצוגעוואוינען צו גיין נאך געלט.

א ספעציעלע הכרת הטוב קומט זיך פאר די חשוב'ע "נשי חיל" וואָס האָבן דאס יאר אריינגעלייגט אומגעהויערע כוחות; זיי זענען ארומגעגאנגען נאך געלט און אנגערופן באַקאַנטע, וואָס דאָס האָט געגעבן א שטארקע שטופ ארויף פאר די נומערן ביזן ענדגילטיגן סך הכל.

ב"ה די פירות האבן נישט געשפעטיגט צו קומען, און די רעזולטאטן זענען געווען פיל העכער ווי אלע ערווארטונגען. האלטנדיג יעצט ביים סוף פונעם קאמפיין, זעט מען בחוש וויאזוי פרוטה ופרוטה מצטרפת, ווען מ'האט ב"ה באוויזן צוזאמצושטעלן אן אומגלויבליכע סומע פון איבער $1,360,000, וואָס דאס איז א גאַנצע 35 פראצענט העכער פונעם אריגינעלן ציל פון א מיליאָן דאָלער. דאָס געלט איז צוזאַמגעקומען דורך איבער 16,000 נדבנים פון אלע שיכטן און קרייזן, משפחות און פלעצער.

עס האט זיך ארויסגעוויזן די הערליכע שיינקייט פון אידישע קינדער, וואס עפענען דאס הארץ און זענען גרייט צו געבן צדקה פאר אזא הייליג פלאץ וואס פארשפרייט אמונה איבער די גאנצע וועלט.

דער אייבערשטער וועט זיכער באַצאָלן פאַר אַלע וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפן צום הצלחה פונעם קאַמפּיין יעדער איינער אויף זיין וועג.

**אנשי חיל**

# אלץ און אלעמען




## פארוואס א פלייט מיט א סטאפ ביליגער?

**שאלה**

איך וואונדער מיר וואס דער פשט איז, אז ווען מען פארט קיין אומאן – און בכלל ווען מען פליט – וואס מער סטאפס מען האט, אלס ביליגער איז געווענליך דער פרייז. איך טראכט אז עס וואלט געדארפט זיין פארקערט: צוויי פלייטס זענען דאפעלט ארבעט, און עס וואלט געדארפט קאסטן מער ווי א דירעקטע פלייט.

ל.ש.

**ענטפער**

דאס איז א זייער גוטע שאלה, און ממש פאסיג יעצט אינמיטן חודש אב, ווען די הכנות צו פארן קיין אומאן גרייכן צום קלימאקס.

דער אמת איז, אז אין א פשוט'ע וועלט וואלט טאקע אזוי געדארפט זיין: ניצן מער עראפלאנען, לופטפעלדער און ארבעטער וואלט געדארפט קאסטן מער געלט.

אבער די עירליינס האבן אן אנדערן סיסטעם. די פרייזן ווערן נישט באשטימט לויט וויפיל ארבעט די עירליין לייגט אריין, נאר ענדערש לויט די עקאנאמישע כללים פון "סופליי און דימענד" (צושטעל און פארלאנג). דאס זענען די הויפט סיבות פארוואס א פלייט מיט סטאפס איז געווענליך ביליגער.

די עירליינס ווייסן אז רוב פאסאזשירן - ספעציעל ביזנעסלייט אדער משפחות מיט קינדער - ווילן אנקומען ווי שנעלער און גרינגער, אן זיך דארפן שלעפן מיט פעקלעך אין נאך א לופטפעלד און האבן די דאגה פון פארפאסן די קאנעקטינג פלייט. האבנדיג דאס אין קאפ, ווייסן זיי אז זיי קענען בעטן מער געלט דערפאר, ווייל מענטשן זענען גרייט צו באצאלן מער פאר דירעקטע פלייטס.

נאך א סיבה איז קאנקורענץ (קאמפעטישן). געווענליך זענען דא ווייניג דירעקטע פלייטס אויף רוב רוטס. געווענליך זענען דאס די נאציאנאלע עירליינס וואס שטעלן צו פלייטס צו זייערע לענדער. (אין אונזער פאל זענען פאראן בלויז געציילטע פלייטס פון "לאט" פויליש עירליינס וואס פארן דירעקט פון ניו יארק קיין פוילן, און עס זענען בכלל נישטא קיין דירעקטע פלייטס פון ניו יארק צו די אנדערע לענדער ווי סלאוואקיי, אונגארן, רומעניע אדער מאלדאווע, וואס גרעניצן זיך מיט אוקראינע). וויבאלד עס איז נישטא צופיל קאנקורענץ, קענען זיי רעכענען מער.

אבער אויב ביסטו גרייט צו מאכן א סטאפ, האסטו יעצט גאר אסאך אפציעס וואס קענען דיר טראגן קיין אומאן. דו קענסט נעמען פלייטס דורך ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך, טערקיי, און אזוי ווייטער. די אלע עירליינס ווילן דיר געבן א גוטע סיבה פארוואס דו זאלסט פונקט זיי נעמען, און דעריבער ווען זיי שטארק אראפלאזן די פרייזן.

מיר ווען אי"ה אהיימנעמען פון אומאן גאנצע זעק מיט ישועות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. מיר פילן זיך דארט אן דעם טאנק מיט אמונה, שמחה, און עצות וואס געבן אונז כח צו קענען לעבן א גאנץ יאר.

גרשון קרעמער
alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447



## וויאזוי ארבעט "גלאו אין די דארק"?

**שאלה**

איך האב א שפילצייג וואס איז "גלאו אין די דארק", עס שיינט אין די טונקל. עס האט נישט קיין עלעקטריק און נישט קיין בעטעריס, עס איז אפילו נישט מוקצה שבת. וויאזוי קען עס שיינען?

אליעזר שלמה טייטלבוים, כיתה ד', ת"ת ברסלב, קרית יואל.

**ענטפער**

דער ענטפער ליגט אין א גאר וואונדערליכן מאטעריאל וואס ווערט אנגערופן אין די כעמישע וועלט "פאספאר" (Phosphor). די סארט "גלאו אין די דארק" שפילצייגן זענען באשמירט אדער אויסגעמישט מיט דעם ספעציעלן מאטעריאל.

וויאזוי ארבעט עס? דער אייבערשטער האט אים געגעבן א גאר אינטערעסאנטע אייגנשאפט, אז ער דינט ווי א ספאנדזש פאר ליכטיגקייט. שטעל דיר פאר א פשוט'ן ספאנדזש פון קיך וואס מען לייגט אריין אין וואסער; ער הייבט אן צו טרינקען דאס וואסער און ווערט אנגעפילט. ווען מען נעמט ארויס דעם ספאנדזש פון וואסער, הייבט ער אן ארויסצולאזן דאס וואסער צוביסלעך, טראפנווייז.

דער "פאספאר" ארבעט פונקט אזוי, אבער אנשטאט ארייננצוזאפן וואסער, זאפט עס איין ליכטיגקייט. ווען דיין שפילצייג געפינט זיך אין א ליכטיג פלאץ, די לייטס זענען אנגעצונדן, אדער אינדרויסן אין די זון, זאפט דאס שפילצייג איין די ליכטיגע שטראלן, און עס "פילט זיך אן" מיט ליכטיגקייט.

ווען דו נעמסט אריין דאס שפילצייג אין א טונקל פלאץ, ווערט די איינגעזאפטע ליכטיגקייט אנהייבן ארויסצוגיין. דער פאספאר לאזט ארויס די ליכטיגקייט זייער שטאט און צוביסלעך. דאס איז דער שיינער "שיין" וואס דו זעסט אין די טונקלקייט! נאך א שטיק צייט, ווען די גאנצע איינגעזאפטע ליכטיגקייט נוצט זיך אויס, הערט עס אויף צו שיינען, און מען דארף עס ווידער צוריק לייגן אין א ליכטיג פלאץ עס זאל זיך נאכאמאל אנפילן.

אונזער נשמה איז אויך פונקט ווי א ספאנדזש וואס זאפט איין ליכטיגקייט און שיינט אין די טונקלקייט. ווען דו פרייסט זיך מיט'ן שבת, דו רירסט נישט צו קיין מוקצה אום שבת און דו האלטסט זיך איין פון עס נעמען, ווערט דיין נשמה אנגעפילט מיט ליכטיגקייט.

אבער אונזער נשמה זאפט איין אלעס; אויב מיר הערן אויס צדיקים און פרייליכע מענטשן וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן, וועלן מיר ארויסגעבן אמונה און שמחה פאר די ארומיגע. אבער אויב מיר וועלן זיך חבר'ן מיט מענטשן וואס זענען אנגעבלאזן, קיינמאל נישט צופרידן, און האבן טענות אויף יעדעם, וועט דאס אויך האבן א השפעה אויף אונז ח"ו.

דערפאר דארף מען זען זיך שטענדיג צו דרייען אין "ליכטיגע" פלעצער: הערן ניגונים פון ערליכע אידן, מעשיות פון דערציילערס וואס האבן יראת שמים, און שפילן מיט קינדער וואס האבן גוטע מידות.


POWERED BY:
אנשי חיל
אשריכם
גיבורי חיל

# $1,362,481,614

## געברענגט דורך די אסטראנאמישע סומע פון מבנים:

מיר האבן זיך נישט געלאזט פירן פון קיינע תירוצים  נאר אקערן האבן מיר געאקערט און באוויזן איבערצוקריכן דעם שווער אויסזעענדע בארג און דערגרייכן דעם ציל מיט א פעסטן שמיץ אריבער און מיט דעם צולייגן נייע פרישע בלעטעלעך צו אונזערע 'לעבנסגעשיכטע', **אשריכם!**

**כ"א-כ"ג אב**

די דאטום ווען אנשי שלומינו האבן איבערגעשריבן אונזער לעבנסגעשיכטע.



# לעבנסגעשיכטע

# א ווארט צווייי

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com



בילד פון די וואך

## קוק אהער

זיס בילד ווי פרחי בית שמש האבן געטראפן די ליכט ביים ענדע פון טונעל, ווען ארטיגע תלמוד תורה היכל הקודש איז שפאצירן געגאנגען אין שפיל גארטן

פריערדיגע

"פונקט ווי א קעניג וואס זיצט א גאנץ יאר אין פאלאץ און נאר גרויסע שרים קענען אריינקומען זיך טרעפן מיט קעניג, אבער איינמאל א יאר גייט ער ארויס אין פעלד, ווען אלע פויערן און דארפסלייט קענען זיך טרעפן מיט קעניג און שמועסן מיט אים - אזוי איז חודש אלול ביים אייבערשטן, א צייט וואס יעדער קען קומען צום אייבערשטן אים בעטן רחמנות."

- הייליגן בעל התניא זי"ע, אין זיין ספר לקוטי תורה פרשת ראה

גוטזאגער

"קוק אויף יענעמס גשמיות און דיין רוחניות, אנשטאט פארקערט."

- ראש ישיבה שליט"א ביי א שיעור

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

## מאשית שמנה לחמו

ספר "אשית עצות בנפשי" איז די גרעסטע הפצה אין ארץ ישראל, ווי מען גייט ווערט עס געזוכט און צעכאפט, און די סיבה איז פשוט, ווייל דא אין ארץ ישראל איז דא אסאך חכמות, און אריינבליקן אין א גליון אויף די וואכעדיגע סדרה איז נישט אינטערעסאנט לגמרי, אויב אבער טרעפט מען שמועסן פון א ראש אין אמעריקא אפגעשריבן אויף לשון הקודש, און ס'שטייט נאך "פנימי" אויך, איז עס א שטארקע ארטיקל.

ר' **נתנאל לב** אין אינטערוויו אויף "ברסלב'ע ברודער" שמועס אבער די וויברירנדע הפצה אפעראציע וואס קומט פאר ווענכטליך אין עיר התורה בני ברק.

**ווען ר' יואל האט א שידוך געטון האב איך געזען אין די פאפירן 'הרב יואל לעווי שליט"א, בעל מחבר ספר אשית עצות בנפשי', ס'האט א סיבה פארוואס זיי האבן עס אריינגעלייגט...**

## לאכן לאכט דער וואס לאכט נישט

און אז יענער איז האלב געבאקן און ער שטעלט זיך ארויס מיט א טאלאנט – ער קען טאנצן (אזוי ווי א האן) ער קען זינגען (אריך טאאן) – און דו הייסט אים טאנצן און זינגען, בשעת ער מיינט אז דו קווענקלסט נחת פון זיין שיין געזינגעכץ און געטאנצעכץ, און ער גייט קיינמאל נישט וויסן אז דו האסט געמאכט פון אים דאס געלעכטער; אבער דו, דו האסט פארפעלט וואס דו האסט געדארפט טון. ווייל נישט נאר ווען דו האסט צו טון מיט א מענטש וואס האט פיליגעס, נאר אפילו ווען דו זעסט א שטיין אויפן גאס, דארפסטו זיך צובייגן צו אים – פאר דיר - און זאגן: "אך, וואסערע צוקערדיגער שטיין דו ביסט!"

מייסטער שריפטשטעלער מיט זיין גאלדענע פענע, בלעטל קאלומניסט **הרב אברהם משה שטראססער** אין "פינטל" קאלום פרשת עקב גיסט אמפערס אווערנעס איבער די שעגסטע מידה פון הכרת הטוב

## אל תסתכל בקנקן

שבת נחמו האבן מיר באקומען א מתנה פון די מחותנים, ס'איז אנגעקומען מיטן שייגעם בעג פונעם סטאר כמו שהוא, אן קיין פיטשיוועקס ארומגעגענומען. מ'האט פשוט געשיפט די הארץ דערינען. עס האט געקאסט א לאך, זיך דערמאנענדיג וויאזוי די מתנות ווערן הייגט געשיקט מיט גאנצענע אויפרייסנדע געפאקאכטס, אז מ'פארגעסט שוין פון די עצם שמחה אז ס'איז דא א חתן כלה וואס גייען אויפשטעלן א הייליגע ערליכע שטוב.

**א מחותן מיטן ראש ישיבה שליט"א** געבט איבער ווי די פעקעדזשינג פון די מתנה פארן כלה האט געשריגן אז מ'קען ווייטער מאכן אסיפות און אויפטולאזע פאמפע, אדער איז פאראן די אפציע פון טון למעשה.

:דער ראש ישיבה שליט"א זאגט

## מזמור לתודה

"אויב אייער שפירט אז ס'פעלט אים וויטאמינען, זאל ער אסאך דאנקען דעם אייבערשטן!..."

- מאנטאג עקב ביים דף שיעור, נאך וואס א מקשיב האט געפרעגט אויב מ'דארף זיך אויסטשעקן אויב מ'זעט אז ס'פעלט וויטאמינען

# גאסט ארטיקל



# אַ מיליאָן איינסעס

**י. ברסלב'ער**

האָסט טשעינדזש פון אַ דאָלער?

דער ברסלב'ער חסיד איז געשטאַנען דאָרט אינעם פרעמדן קאָנטרי אינדרויסן פונעם באַנגעלאָ פון אַ רייכע פאַמיליע, און געזוכט אין זיין זעקל מטבעות אויב ער האָט גענוג קוואָדערס פאַר דעם דאָלער וואָס דער איד אויפ'ן אַנדערן זייט טיר וויל טשעינדזש דערפאַר.

"דאָ האָסטו", האָט דער ברסלב'ער חסיד ענדליך אויסגערופן ווען ער האָט געטראָפן צוויי גאַנצע קוואָדערס צווישן דיימס און ניקלס, און פעניס.

אַ קלאַפּ אין די נעקסטע טיר: "יאָ? - - הָ איס? ווער איז דאָרט?"

דער ברסלב'ער קלערט אויב ער זאָל ענטפערן אָדער בעסער בלייבן שטיל און לאָזן יענעם עפענען, אָבער למעשה פרעגט יענער איבער: "הָו איס?"

ברסלב'ער חסיד: "צדקה!"

יענער: "אָה, צדקה? איימסארי, נאַט יעט..."

*

נעקסטע טיר: אַ דאָלער.

נעקסטע טיר: אַ קוואָדער מיט אַ גלאָז וואַסער.

נעקסטע טיר: "ברסלב? איך גיב נישט פאַר ברסלב!"

נעקסטע טיר: "איימסארי, מיי האָסבענד נאַט האָם".

*

נעקסטע טיר: אַ אינגל קוים געוואָרן חלאקה עפנט אויף די טיר מיט אַ שמייכל, "יאָ?" פרעגט ער און הייבט אויף הויעך זיין שפּילצייג, זאָגנדיג: "אַר יו ס' מיי נאָ קאַר - האָסטו שוין געזען מיין נייע קארעלע?", און ספּאָנטאַן הייבט דאָס קינד אָן צו שפּילן דערמיט ער שלעפּט די קארעלע אויף צוריק און עס פליט אויף פאָרנט ביז'ן פענסטער, דאָס קינד לויפט נעמען דאָס קארעלע און קומט צוריק צום טיר... - דער ברסלב'ער חסיד שטייט פאַרלוירן, זאָל ער יעצט נאָכאַמאָל קלאַפּן אין טיר און רופן איינעם פון די עלטערן? אָדער זאָל ער ענדערש וואַרטן ביז איינער פון די עלטערן קומט צו? אָדער זאָל ער גאָר אוועקשפּאַצירן?

נאָך דריי מינוט קומט דער טאַטע זען וואָס דאָ גייט פאָר און טרעפט אַ איד שטיין ביים טיר... "יאָ?"

ברסלב'ער חסיד, (פאַר-רויטלט): "צדקה פאַר ברסלב"

דער טאַטע: "אָהו! ברסלב? מיי קאַסין איס אָלסאָ ברסלב, היס פלעיס גיטאַר", און ער שלעפּט אַרויס זיין קרעדיט קאַרטל פון בוזעם טאַש, און גיבט אים צוויי דאָלער.

*

אינדרויסן הייבט אָן גיין אַ רעגן, דער ברסלב'ער חסיד טרעפט זיך שטיין אונטער אַ דעכל אינעם ווילד פרעמדן קאָנטרי, און נעמט אַרויס זיין משניות צו לערנען אַביסל ביז די רעגן גייט אַריבער, עס נעמט אַפּאָר מינוט, דער ברסלב'ער חסיד איז נישט באַקוועם, ער שוויצט, דאָס פעקל מטבעות אין זיינע הענט וועגט אַראָפּ, און זיין קערפּער איז פאַרמאַטערט.

דאָס רעגן גייט פאַרביי, און דערמיט אויף דאָס אַפּעטיט פון דעם ברסלב'ער חסיד צו גיין נאָך געלט, אָבער ער גיבט נישט אויף, קיין יאוש איז נישט פאַרהאַן, ער קלאַפּט אין נאָך אַ טיר, גייט אַרויף נאָכאַמאָל צוואָנציג שטיגן, און דאַן אַ ברעגל אַרויף און דערנאָך אַ באַרג אַראָפּ, ער שלעפּט און שלעפּט ביז זיינע פוס דערהייבן שוין נישט דאָס גיין, אַ פאַרמאַטערטער פאַלט ער אַריין צוריק אין זיין קאַר און רייזט אַהיים.

*

נאָך אַ טאָג זיך וואַלגערן פון איין הויז צום צווייטן, קומט ער אַהיים מיט גאַנצע הונדערט און זעכצן דאָלער, וואָס ער לייגט אַזוי פאַרשעמטערהייט אַריין אין זיין אַקאַונט פון טשערידי און שרייבט צו אַ הערה: "גיין נאָך געלט - הונדערט און זעכצן דאָלער".

דאָס איז נישט איין מעשה, דאָס איז אַ פאַרשפּיל פון אַסאַך געשיכטעס וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט דורכאויס די קאַמפּיין.

מען קען שרייבן אַ "לעבנסגעשיכטע" פון די אַלע געשיכטעס.

אָבער די געשיכטע האָט אַ גוטע ענדע!

*

פון אָט די אַלע "קליינע" געלט, און "גרויסע" בושות, האָט זיך צוזאַמגעשטעלט די פאַנטאַסטישע סומע פון אַריבער אַ מיליאָן דאָלער וואָס איז אַריינגעקומען ביים לעבנסגעשיכטע קאַמפּיין פאַר ברסלב!

דער ראש ישיבה שליט"א האָט געזאָגט אַז ווען מען מאַכט די ריכטיגע חשבונות, זעט מען אַז קרוב צו אַ מיליאָן דאָלער איז אַריינגעקומען פון גיין נאָך געלט!

ווען דו האָסט געשוויצט אונטערן דעכל אינעם קאָנטרי; ווען דו האָסט פאַרשעמטערהייט צוריק געגעבן דריי קוואָדערס פאַר אַ מענטש וואָס גיבט נישט פאַר ברסלב אָבער אַ קוואָדער גיבט ער פאַר 'דיר'; ווען דו האָסט אַריינגעכאַפּט בושות; ווען דו האָסט זיך געקווענקלט אויב מען מעג קלאַפּן אַ פינפטע מאָל אויף אַ טיר אָדער בעסער אוועקשפּאַצירן און ווען דו האָסט אַוועקשפּאַצירט האָט זיך דיר געדאַכט אַז דו הערסט טריט קומען און האָסט געוואַרט נאָך צוואָנציג סעקונדעס און דאָס טיר האָט זיך קיינמאָל נישט געעפנט...; ווען דו האָסט געשפּירט אפיסת הכוחות ביים ארויפשפּאַצירן דרייסיג טרעפּ; ווען דו האָסט זיך צוגעזאָגט אַז דו גייסט מער בלי נדר נישט נאָך געלט; ווען דו האָסט געשפּירט אַ לוזער באַקומענדיג אַ קוואָדער ביי אַ טיר...

...האָסטו למעשה געברענגט נאָך אַ קוואָדער און נאָך אַ דאָלער, און עס איז געוואָרן אַ מיליאָן דאָלער!

אַ מיליאָן איינסערס!

*

און דאָס איז אייגנטליך אונזער לעבנסגעשיכטע. נאָך אַ איינסער און נאָך אַ איינסער. נאָך איין שחרית. נאָך איין מנחה. נאָך איין מעריב. אַ זעץ דאָ אַ שטויס דאָרט, אַ קלאַפּ אַ באַכע, דאָ בושות, דאָרט חרפות, דאָ פאַרמאַטערט און דאָרט אויסגעמוטשעט, אָבער איין איינסער און נאָך אַ איינסער.

פון דעם פאַרעמט זיך אויס אַ הערליכע לעבנסגעשיכטע!

די שיינקייט און זיסקייט זעט מען נישט בשעת'ן קלייבן די ניקלס, דיימס און קוואָדערס. מען זעט עס ערשט שפּעטער, ווען אויפ'ן טשערידי וועבזייטל שרייבט זיך אויף אַ "מיליאָן דאָלער" פון אַסאַך איינסערס.

אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט וועט מען זען ווען משיח וועט קומען. דעמאָלטס וועט פון אַלע אונזערע איינסערס ווערן אַ מיליאָן טאָלער!



# פארוואס רעדט מען אזוי סאך פון אומאן?




**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך בין נישט קיין ברסלב'ער חסיד, אבער איך בין אביסל נאנט צו ספרי ברסלב און איך שעפ פון דעם אסאך חיזוק, במיוחד פון די נקודה זיך נישט צו צוברעכן פון גארנישט, און פון דעם אז איך בין טייער און חשוב אפילו ווען איך בין אין א נידריגן מצב. די נקודה ווערט שטארק אויסגעשמועסט אין די ברסלבע ספרים און דאס גיבט מיר אסאך חיות. אזוי אויך די דברי חיזוק וואס איך בין זוכה אויסצוהערן פון אייך כמעט מדי יום ביומו, וואס דאס גיבט מיר חיות אויף א גאנצן טאג.

איין זאך וואס שטערט מיר אביסל אין ברסלב, איז די נקודה וואס מ'שטייט אויף דעם אז יעדער מוז פארן קיין אומאן אויף ראש השנה. לויט די ברייטקייט און די ווייט-זען וואס הערשט ביי אייך, די אפנקייט וואס איר האט צו הערן וואס יעדער האט צו זאגן, און צו מקבל זיין אויך דער וואס איז נישט פונקט אין ליין אזוי ווי אייך, לויט דעם וואלט מער געפאסט פאר אייך נישט צו מאכן אן עסק אויב מ'קומט יא אדער נישט קיין אומאן.

איך שעם זיך צו זאגן, אבער דאס רעדן אזויפיל פון אומאן וואלט זיך מער געפאסט פאר אנדערע חצרות, וואס האבן מער ליב צו מאכן א טראסק, און נישט פאר ברסלב.

איך פאר נישט קיין אומאן אויף ראש השנה, ווייל איך האב א אנדערע רבי וואס ביי אים בין איך אויף ראש השנה. מיינט דאס אז מיין גאנצער עבודה איז גארנישט ווערד? מיינט אז איך האב גארנישט מיט ברסלב'ן רבין, אפילו איך לערן זיינע ספרים און איך ארבעט אויף דעם וועג?

**דוד**

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

### עצתו אמונה שופטים תשע"ז

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שופטים, כ"ח מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן**

לכבוד דוד נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס וואס דו פרעגסט מיר וואס איז די גאנצע זאך פון פארן קיין אומאן אויף ראש השנה וכו', דו שרייבסט מיר אז פון איין זייט האסטו התחזקות פונעם הייליגן רבינ'ס ספרים, און דאס איז דיין חיות וכו', און פון די אנדערע זייט פארשטייסטו נישט וואס מען רעדט אזוי סאך פון פארן קיין אומאן.

וויסן זאלסטו אז דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר. כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", און עס איז מיר א וואונדער אויף די מענטשן וואס גלייבן אין מיר, און זיי זענען מקורב צו מיר, פארוואס זאלן זיי נישט מודיע זיין פאר אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה? קיינער טאר נישט פעלן, ווייל מיין גאנצע זאך איז ראש השנה".

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ ראשׁ הַשָּׁנָה; לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", איך האב באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, אז איך ווייס וואס איז 'ראש השנה', און נישט נאר ענק, נאר די גאנצע וועלט איז געוואנדן אין מיין ראש השנה.

און נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּראשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּראשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּראשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", ראש השנה קען איך יעדן איינעם העלפן, אפילו מענטשן וואס איך קען זיי נישט מתקן זיין א גאנץ יאר.

דער ברסלב'ער רב ר' אהרן זכרונו לברכה איז געקומען צום רבי'ן בעפאר דעם לעצטן ראש השנה פאר דער רבי איז אוועק - שנת תקע"א, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן אז עס איז אים זייער שווער צו קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, ווייל ער קען נישט איבער לאזן זיין קהילה, האט זיך דער רבי אנגערפן און געזאגט (עיין חיי מוהר"ן, סימן תו): "**ווי אזוי זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס דער פון איז ניט פארהאנין, איי אנדערע גוטע יודין זאגין ניט אזוי, איז נאך א קשיא**".

דערפאר אז דו שרייבסט מיר אז דיין גאנצע חיות קומט פון רבי'ן, איז וואס שרייבסטו מיט אזא ברייטקייט כאילו פארן אויף אומאן איז א קליינקעפעלדיגע זאך; אז דער רבי האט געהייסן פארן דארף מען פאלגן, צי מען פארשטייט יא צי מען פארשטייט נישט.

גלייב מיר, פאר יעדן איינעם איז שווער צו פארן אויף ראש השנה, בפרט פאר א איינגערמאן וואס לאזט איבער א ווייב און קינדער איז עס בכלל נישט קיין גרינגע זאך, אבער א מענטש דארף זיך מאכן א פשוט'ער חשבון: 'אז איך האב געטראפן א רבי וואס איז מיר מחזק, ער שטארקט מיר, ער טוישט מיר, ער מאכט מיר לערנען און דאווענען, ער ווייזט מיר אויף אז איך בין נאך יא ווערד, אז איך האב נאך א תקנה, און ער געבט מיר עצות אויפן טאג טעגליכע לעבן, אז ער הייסט קומען צו אים אויף ראש השנה וועל איך פארן מיט מסירת נפש'.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג זאגן, אז ווען דער רבי וואלט ווען נישט געהייסן אז מען זאל קומען צו אים קיין אומאן אויף ראש השנה, וואלט ער געווען דער ערשטער נישט צו פארן; ווייל עס איז בכלל נישט קיין גרינגע זאך צו פארן, עס איז שווער ברחניות ובגשמיות וכו', אבער אז דער רבי האט געהייסן קומען דארף מען גיין מיט מסירות נפש.

עס איז נאך נישט געווען זייט בריאות העולם א צדיק וואס זאל צו זאגן מיט צוויי עדות אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און געבן א פרוטה לצדקה לזכותו און זאגן די תיקון הכללי, אֲפִילּוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו וועט ער אים א טובה טון, און ביי די פיאות וועט ער אים ארויס שלעפן פון שאול תחתיות; דארף זיך א מענטש מאכן א פשוט'ן חשבון, איך ווייס דאך ביי מיר ווער איך בין, און וואס איך האב אלץ געטון; מענטשן קען מען פאפן, מענטשן קען מען אויסנארן, אבער איך ווייס דאך יא ווער איך בין, און דא איז דא א רבי וואס האט צוזאגט אז ער וועט א טובה טון, און ער וועט מתקן זיין ווער עס קומט צו זיין ציון, און מען זעט דאס קלאר, אז ווען מען קומט צום רבינ'ס ציון הייבט מען אן צו לעבן מיטן אייבערשטן, מען הייבט אן צו לעבן מיט תשובה, אפילו אזא איינער וואס איז נעבעך איינגעטונקן ביז איבער זיינע אויערן אין עבירות פון פגם הברית רחמנא לצלן, הייבט שוין אויך אן צו האבן הרהרי תשובה, איז וואס איז בכלל דאס וואס דו רעדסט אזוי ברייט אז פארן אויף אומאן איז א צומצום; וויפיל דארפן מיר וויינען צום אייבערשטן אז מיר זאלן פארעכטן אונזערע מעשים וואס מיר האבן אלץ אפגעטון.

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.**


אין המצוה
אלא ע
האנדלט אייך איין
רופט שוין די געט
מו"ה **שבתי מארקוס** הי"ו
347.735.9688
קומת הכנה לישיבה - $54,000
זכות חלונות בכיתה $18,000
זכות חלון - $12,000
אזוי אויך איז געבליבן געציילטע זכותים צו קויפן אויף די אינטערשטע שטאקן. **כאפט מציאות!**



# ...נקראת
# ...ל שם גומרה

און די יעצטיגע טעג זענען אלע ארבייטער צוריקגעקומען צו פארענדיגן די בנין, צו ענדיגן צוויי קלאסן וואס וועלן דינען פאר די עלטערע קינדער אויף א באזונדערע קלענערע שטאק, צו דעם קומט צו פרישע הוצאות פון סטעפס, רעילינגס, לעקטער, שיטראק, עיר קאנדישן, פעינטינג וכדומה, א ספעציעלע פלאר מיט סאונד פראפינג ווערט אראפגעלייגט אז די אינטערשטע קלאסן זאלן נישט געשטערט ווערן.

אזוי אויך ווערט יעצט געבויט א שיינע גרויסע דאך ביים הויפט אריינגאנאג וואו די קינדערלעך קומען אריין אין בנין. אויך רעלינגס ווערט יעצט פארענדיגט און נאך פלעצער אינעם בנין וואו עס איז געווען ביז יעצט פראוועזאריש.

קרן הבנין

## מגבית הרחבת גבולי קדושה

...א זכות לנצח נצחים!
...ייע גבאי קרן הבנין:

...מו"ה **אשר בער אינדארסקי** הי"ו
347.997.2348

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## א דעקע פאר א פדיון

דער הייליגער בעל שם טוב, זכותו יגן עלינו, איז אמאל אנגעקומען צו א דארף וואס דארט האט זיך געפונען א האלב איינגעפאלענע בודקע. דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז אריין אהין און געזען ווי עס ליגט דארט א בלוטיגער ארימאן וואס האט גארנישט געהאט ביי זיך, אויסער א בעט, א צוריסן קישן, און א צודעק וואס איז געווען שמוציג און צוריסן.

"וואס ווילסטו איך זאל דיר געבן?" האט אים דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע געפרעגט. האט דער ארימאן אנגעהויבן וויינען און געזאגט: "קוק אין וואספארא מצב איך געפין זיך יעצט; מיין הויז האלט שוין ביים איינפאלן, מיין ווייב און קינדער וואוינען שוין נישט דא ווייל זיי ציטערן אז יעדער רגע וועט דאס הויז איינפאלן, איך בין דא געבליבן איינער אליין. איך פריי זיך אז איך האב פשוט א דאך איבערן קאפ."

האט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע אים געענטפערט: "געב מיר עפעס פאר א פדיון." האט דער ארימאן ווידער אנגעהויבן וויינען: "רבי, איך האב דאך גארנישט!" האט דער הייליגער בעל שם טוב געפרעגט: "וואס הייסט דו האסט גארנישט? דו האסט דאך א קישן און א דאכענע!" האט ער צוריק געפרעגט: "רבי, וואס איז דאס שוין ווערד?!" האט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע געזאגט: "געב מיר דאס פאר א פדיון," דער ארימאן האט געפאלגט און עס אים געגעבן.

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז אהיימגעפארן, און דער ארימאן איז געבליבן דארט ליגן אן א קישן און א דאכענע. עס איז אים געווארן ביטערליך קאלט און ער האט אנגעהויבן זייער וויינען "אוי ווי איז מיר! ביז יעצט האב איך כאטש געהאט א קישן און א דאכענע, און יעצט האב איך דאס אויך נישט."

ווען דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז אהיימגעקומען, האט ער געזאגט פאר זיין רעבעצין: "קוק וואס איך האב דיר געברענגט." האט די רעבעצין געפרעגט מיט א קול פון זלזול: "אהא! פון ווען האסטו דאס היינט צוגענומען?!" דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט איר אנגעקוקט מיט א פארוואונדערטן בליק: "אזוי רעדסטו? דארף איך דען אזוי וויכטיג דעם שמוציגן, צוריסענעם קישן און דאכענע?!"

עס איז דורכגעגאנגען א תקופה, און די רעבעצין האט שוין פארגעסן וואס זי האט געזאגט פארן הייליגן בעל שם טוב זי"ע, און עס איז אנגעקומען צום הויז פונעם בעל שם טוב א שיינער וואגן מיט פיר פערד.

א גביר קומט אראפ פון דארט, ער גייט צו צום בעל שם טוב און זאגט אים: "איך האב אייך געברענגט א כלי אנגעפילט מיט גאלדענע מטבעות". האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט: "ווארט דא אפאר מינוט". דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט געשיקט זיין משרת רופן די רעבעצין, און ווען די רעבעצין איז געקומען האט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איר געזאגט: "הער גוט וואס דער איד זאגט". דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אים געפרעגט: "פון וואו האסטו די פאס מיט גאלדענע מטבעות?" האט דער עושר געענטפערט: "רבי, דאס איז נאר מעשר וואס איך האב געברענגט".

האט דער בעל שם טוב געפרעגט: "ווער ביסטו?" האט דער גביר אנגעהויבן דערציילן: "איר געדענקט? איר זענט געווען ביי מיר אין מיין בודקע וואס האט שוין ממש געהאלטן ביים איינפאלן. איך האב געהאט ביי זיך א צוריסן קישן און א צודעק וואס איז געווען שמוציג און צוריסן, און איר האט עס צוגענומען פון מיר. ווי נאר איר זענט ארויס פון מיין כאטקע, האב איך אנגעהויבן וויינען צום הייליגן באשעפער: 'רבונו של עולם, עס איז מיר גארנישט איבערגעבליבן, נישט קיין קישן און נישט קיין דאכענע, און די קעלט רייסט מיר די ביינער. אבער הייליגער באשעפער, איך גלייב אינעם צדיק אז ער ווייסט וואס ער טוט און אז עס איז מיט גערעכטיגקייט, און עס ליגן אין זיינע מעשים גרויסע כוונות. אוי רבונו של עולם, עפן אויף מיינע אויגן!'"

בשעת איך בין אזוי געזעסן וויינענדיג און ציטערנדיג פאר קעלט, קלאפט פלוצלינג א גוי אויפן טיר: "דאס איז דיין שכן, איוואן דער גוי", שרייט ער אריין. איך עפן די טיר, און ער ברענגט אריין א זאק מיט שטיינער און שרייט מיט פולע קללות: "נעם פון מיר דעם זאק מיט בונדלעך וואס איך האב געקויפט אין מארק! איך קאך עס און איך קאך עס, אבער עס ווערט נישט ווייך!" ער איז אנטלאפן פון מיין הויז, און ווען איך האב געעפנט דעם זאק צו זען וואס דא גייט פאר, זע איך אז דאס זענען בכלל נישט קיין בונדלעך, נאר דיימאנטן!

בין איך געגאנגען אין מארק, געקויפט בונדלעך און עס געגעבן פארן גוי, און ער איז געווארן זייער פרייליך. פון דעם זאק וואס איז געווען אנגעפילט מיט דיימאנטן בין איך געווארן א גרויסער גביר, און יעצט בין איך געקומען צום צדיק געבן מעשר."

ווען די רעבעצין האט געהערט די גאנצע געשיכטע, האט זי איינגעזען אז זי פארשטייט נישט אלץ די כוונות פון איר הייליגן מאן.

האט מוהרא"ש אויסגעפירט: א מענטש פארשטייט נישט די פעולות פונעם צדיק, מען דארף האבן אמונת חכמים. ווייל שטעל זיך פאר ווען דער ארימאן וואלט נישט געוואלט געבן די קישן און דאכענע, וואו וואלט ער אנגעקומען? אבער וויבאלד ער האט געהאט אמונת חכמים, האט ער באקומען א גליקליך לעבן..."

*אשר הנחל חלק נ"ג מכתב י' קפג בריוו 10187*

# פארזעצונג פון פריער:

**דער הייליגער רבי ארבעט ארום מיט אברהם פייעס אים צו מאכן פאר אן ערליכער איד.**



דעם הייליגן רבינ'ס

## לעבנסגעשיכטע

קע"ב

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נָאכְ'ן עֶסְן אַ בְּרֵייטֶע שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פַּאסְטְן פוּן יֶעצְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ בִּיז צוּם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת.

עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אַז עֶר וֶועט שׁוֹין יֶעצְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ תִּיקוּן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אָבֶּער אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, מַמָּשׁ בִּיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶערוּפְן אַ דָאקְטֶער, עֶר הָאט אָבֶּער אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף אִים. זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְשְׁטוּפְּן עֶפֶּעס עֶסְן אִין זַיין מוֹיל, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁוַואכֶער אוּן שְׁוַואכֶער בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אוֹיף דִי פִּיס, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרִיכְן אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִּיס בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען הָאט דֶער רֶבִּי אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלֵיין גְלֶעזְל אוּן עֶס אָנְגֶעגָאסְן מִיט אַבִּיסְל בְּרוֹינְפְּן, אַזוֹי וִוי אַ הַאלְבֶּע פִינְגֶער, אוּן אִים גֶעזָאגְט, "מַאךְ אַ בְּרָכָה, אוּן טְרוּנְק", עֶר הָאט דָאס גֶעטְרוּנְקֶען, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "יֶעצְט פַּאסְט וַוייטֶער!". דֶעמָאלְט אִיז אִים גֶעוָוארְן גְרִינְגֶער, אוּן עֶר הָאט פַּארֶענְדִיגְט דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַּאסְטְנְדִיגֶערְהֵייט. אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה גָמוּר פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אוֹיף יֶענֶעם שַׁבָּת אִינֶעם דֶערְפְל נֶעבְּן בְּרֶסְלֶב, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט וֶוען ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִינֶעם זֶעלְבְּן הוֹיז וִוי דֶער רֶבִּי, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן, "אוֹי וֵויי!". ר' חַיִּים שָׂרָה'ס הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט פְּלוּצְלִינְג מִיט גְרוֹיס פַּחַד פוּן דִי גֶעשְׁרֵייעֶן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "קוּם שְׁנֶעל, קוּם אַרוֹיס מִיט מִיר אִינְדְרוֹיסְן!", זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, דִי הוֹיז וואוּ זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִיז גֶעוֶוען גְלַייךְ בַּיים אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם וַואלְד, דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִינֶעם טוּנְקֶעלְן וַואלְד, אוּן אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן דָארְט אַהִין אוּן צוּרִיק.

ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פוּן דֶערְוַוייטְנְס מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק אוּן צִיטֶער, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אַנוּנְג וָואס דָא גֵייט פָּאר. אוּן פְּלוּצְלִינְג לוֹיפְט דֶער רֶבִּי צוּ צוּ אִים אוּן זָאגְט, "מַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אִיז גֶעוֶוען בֵּיי מִיר, עֶר אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּם שִׁידוּךְ פוּן חַיִּים פֵּייעֶס מִיט זַיין אֵיינִיקְל, אוּן דֶעריִבֶּער וִויל עֶר אִים הַרְגְ'עֶנֶען. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם חָתָן, דֶעריִבֶּער הָאט אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן מַיין זֵיידֶע אַז עֶר זָאל אִים לָאזְן לֶעבְּן, אָבֶּער זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, אוּן מְמֵילָא וֶועט זִיךְ דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט הַאלְטְן, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ גֶט'ן".

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט פַּאר ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט אִים שׁוֹין גֶעהַאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען זַיינֶע יָארְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעמוּזְט גֶעבְּן אַנְדֶערֶע יָארְן.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַּאר חַיִּים פֵּייעֶס אַ צֶעטְל מִיט עֲבוֹדוֹת אוּן סִיגוּפִים, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס מְקַיֵּים זַיין, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען מַמָּשׁ אַ נֵייעֶם כָּשֵׁר'ן גוּף. עֶס אִיז אִים אָבֶּער גֶעוֶוען צוּ שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן, אוּן עֶר הָאט עֶס לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט גֶעטוּן.

אַזוֹי וִוי דִי טָאכְטֶער פוּן ר' חַיִּים שָׂרָה'ס, חַיָּה לֵאָה, אִיז גֶעוֶוען דִי וַוייבּ פוּן ר' צְבִי אַרְיֵ' זַ"ל, דֶער זוּן פוּנֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר רָב, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי רַבָּנוּת פוּן זַיין טַאטֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן זַיין שְׁוֶוער, דֶעריִבֶּער הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גֶט'ן. לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע גֶע'גֶט.



# פשרהלאג

*א י ן*
***קורצן פון פריער:** ר׳ יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ׳א גאסן פון אמעריקע.*

*ער איז נישט מוותר אויף קיין מצוה.*

*מקפיד צו דאווענען מיט מנין יעדן טאג מיט מסירות נפש.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

ווען ר׳ יעקב יוסף׳ס יונגסטע טאכטער איז אלט געווארן פופצן יאר, האט איר די לערערין זייער צוגערעדט אז זי זאל גיין אין קאלעדזש. ”דו וועסט באקומען א דעגרי און זיך קענען בילדן, דו האסט דאך א גוטן קאפ,“ האט זי איר געזאגט.

”מיין טאטע וועט מיר נישט ערלויבן,“ האט רוחמה אויפריכטיג געענטפערט.

די לערערין האט זיך פארטראכט, און דערנאך האט זי אפגעשריבן א בריוו פאר ר׳ יעקב יוסף, וואו זי האט ארויסגעשריבן איר שטעלונג און מיינונג.

ווען רוחמה האט איבערגעגעבן דעם בריוו פאר איר טאטן, האט זיך ר׳ יעקב יוסף פארטראכט און דאן געזאגט: ”קום רוחמה, איך וועל דיר גרייט מאכן פאר קאלעדזש.“

רוחמה האט אנגעקוקט איר טאטן פארוואונדערט. זי האט שטענדיג געוואוסט אז איר טאטע האט א שטארקע מיינונג קעגן קאלעדזש. ”מיינע טעכטער וועלן נישט גיין אין קאלעדזש, זיי וועלן באקומען א אידישע חינוך,“ פלעגט ער שטענדיג זאגן.

ר׳ יעקב יוסף האט זיך צושמייכלט און איר געזאגט: ”איך מיין דעם קאלעדזש פון א חתונה געהאט לעבן.“

”וואס זאל איך אבער זאגן פאר מיין לערערין? איך וועל זיך אזוי שטארק שעמען,“ האט רוחמה כמעט געוויינט.

ר׳ יעקב יוסף האט זיך געוואנדן צו זיין ווייב: ”וואלסטו געקענט באגלייטן רוחמה׳ן אין שולע מארגן און מסביר זיין אונזער שיטה פאר די לערערין?“

אויפצומארגנס האט איידל הערמאן באגלייט איר טאכטער, און זייער פשוט און טרוקן מסביר געווען פאר די לערערין איבער זייערע ”מאדנע“ פלענער פאר רוחמה׳ס עתיד.

**פרוי הערמאן איז געווען אביסל פארלוירן. זי האט נאכנישט געוואלט ”פארלירן“ איר יונגסטע טאכטער אזוי יונג.**

די לערערין האט אויסגעזען שטארק שאקירט. ”איר ווילט מיר זאגן אז איר פלאנט שוין חתונה צו מאכן רוחמה׳ן אזוי יונג?! זי איז דאך נאך א קינד!“ (ווייזט אויס אז די היסטאריע חזר׳ט זיך איבער!!!)



## מ. מאנן 30

אבער
גאנץ שנעל האט די לערערין איינגעזען אז איר מיינונג האט נישט קיין שום קראפט און דער באשלוס איז שוין באשטעטיגט.

...

ווען רוחמה איז געווארן זיבעצן יאר אלט, האט דער טאטע זיך אוועקגעזעצט מיט איר איין טאג און געזאגט אז עס איז צייט צו רעדן פון א שידוך.

רוחמה האט פראטעסטירט: "טאטע, איך בין נאך יונג. קיינער פון מיינע חבר'טעס חלומ'ט נאך נישט פון חתונה האבן. איך ארבעט און איך ברענג אהיים געלט צו העלפן מיט די הוצאות. איך וויל נאך ווארטן ביז איך בין אכצן."

דער טאטע האט איר געדולדיג אויסגעהערט, אבער נישט געטוישט זיין מיינונג.

עטליכע טעג שפעטער איז ר' שמעון שיין געקומען באזוכן ביי די הערמאן'ס. זענענדיג רוחמה'ס איידעלע באנעמונג, איז ער זייער באאיינדרוקט געווארן און ער איז אהיימגעקומען דערציילן פאר זיין פרוי. מרת שיין איז דאן אריבערגעקומען אויף א באזוך, וואס איז אויך געווען ווי אן אומאפיציעלע באגעגעניש.

א פאר טעג שפעטער איז דער טאטע אהיימגעקומען מיט א ליסטע און מיר געזאגט: "רוחמה, איך האב עטליכע געלונגענע בחורים וואס איך קלער וואלטן געווען פאסיג. איך מיין אבער אז איך וועל צוערשט קוקן אויפן שיין בחור... דער בחור האט אלע מעלות און ער לערנט שוין צו ווערן א רב."

פרוי הערמאן איז געווען אביסל פארלוירן. זי האט נאכנישט געוואלט "פארלירן" איר יונגסטע טאכטער אזוי יונג, עס איז געווען א שווערע פיל פאר איר



צו שלינגען. אבער זי האט געוואוסט וואס איז ריכטיג און זיך נישט קעגנגעשטעלט.

רוחמה האט אבער נאך אלץ נישט געוואלט הערן דערפון! נאך א פאר וואכן, ווען ר' יעקב יוסף האט געזען אז זאכן רוקן זיך נישט, האט ער גענומען די זאך אין די הענט אריין.

איין וואך שבת זענען ר' יעקב יוסף מיט זיין ווייב אהיימגעקומען שפעטער פון שול ווי געווענליך. ווען זיי זענען אהיימגעקומען האבן זיי באגריסט רוחמה: "גוט שבת, רוחמה." רוחמה האט באמערקט א פונק פון פרייד אין איר טאטנ'ס אויגן.

"מיר זענען יעצט געווען באזוכן ביי משפחת שיין. קומענדיגע מוצאי שבת ווערסטו א כלה צו משה שיין!"

"וואס?!" האט רוחמה זיך צושריגן.

ר' יעקב יוסף האט אפגעשטעלט די שמועס. "די געסט זענען הונגעריג, מיר וועלן באלד רעדן."

מיט דעם האט זיך די מעשה געענדיגט, און דער שידוך איז געשלאסן געווארן בשעה טובה ומצלחת!

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות קידוש סימן ער"א סעיף י'

**הקדמה קצרה:** ווי ערקלערט אז מען דארף קוקן אויפן כוס פון קידוש, איז דא אין דעם צוויי דיעות אין די פוסקים. עס זענען דא וואס לערנען אז דאס מיינט קוקן אויף די וויין אליין, און וועגן דעם האלטן זיי אז א גלאז איז מער מהודר צו נוצן פאר כוס של ברכה- קידוש[17], אבער עס זענען דא אנדערע וואס האלטן אז קוקן אויף די כוס מיינט די כוס זעלבסט און מען דארף נישט קוקן אויף די וויין, און אזוי נעמען מיר אן. צוליב דעם:

ז] זאל מען נעמען א שיינע זילבערנע בעכער[18] פאר קידוש עס זאל זיין זה קלי ואנוהו.

ווי פריער ערקלערט איז איין פון די צען זאכן וואס א כוס של ברכה\קידוש דארף האבן איז אז מען דארף קוקן אויף די כוס בשעת קידוש כדי מען זאל נישט מסיח דעת זיין פון די כוס. אויך, איז צוגעקומען די הלכה אז מען דארף קוקן אויף די ליכט. די פוסקים שרייבן[01] אז דיביידע זאכן; קוקן אויף די כוס און קוקן אויף די ליכט, גייט אויך אן פאר די מענטשן וואס זענען יוצא פון זיין קידוש; די ווייב, און די קינדער.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף ענדיגן מיר צו די צען וואס די כוס של ברכה\קידוש דארף האבן. פגום, האבן מיר שוין אויס'געשמועסט.

די צענטע און די לעצטע זאך איז; משגר לבני ביתו[02], ביי די הלכה פון כוס של ברכה און בענטשן שטייט אין משנה ברורה אז מען

### הגהות

17] היבע"ץ בהג' לסידור שערי שמים- לדף רצ"ד, שאביו חכם צבי בחר, בכוס עגול של זכוכית בהיר ויפה לכוס של ברכה, ולא בגביה כסף וזהב, אף שלא היה חסרו לו כלי שתיה של כסף וזהב, וטעמו ונימוקו עמו, משום, דיוצא מגמ' פסחים ק"ח ע"ב, ששבח ליהנות ממראיתו של היין, מדטעם לזכוכית משום דאיתא בגמ' ברכות נא, דאחד מדברים שנוצרך בכוס של ברכה דיהא לתת עיניו בכוס של ברכה, מש"ה צריך שיהא נראה היין, ובזכוכית נראית היין יפה, וכן נקט רמ"א בסי' קפ"ג סעי' ד' דעיקר להסתכל ביין ולא בכוס עצמו, מאידך הטו"ז סק"ד, והמג"א סק"ז הקשה עליו, שאין זו כוונת הגמ', ומה שאמרו ונותן עיניו בו היינו בכוס ולא במה שבתוכו.

18] כ"כ במקור חיים לחו"י סי' קפ"ג, ובכף החיים- סי' תע"ב איתא, דעפ"י סוד יש ליקח כסף ולא זהב, וכן מנהג רוב העולם, וכ"כ דם בסידור ר' שבתי- סדר הקידוש דף ס"ד ע"ב.

01) עי' במכון בשבתך או"ק כ"א, בשם השש"כ פמ"ז הלכ' ל"ו.

02) כן איתא בברכות נא: וכן נפסק בשו"ע סי' קפ"ג סעי' ד'.

03) בגמ' שבת קי"ט ע"ב איתא, דאמר רב המנונא כל המתפלל בער"ש ואומר ויכלו, מעלה עליו הכי כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית, שנאמר ויכולו, אל תקרי ויכולו, אלא ויכלו, בלשון רבים, כלומר הקב"ה והוא, והרא"ש (פסחים פ"י סי' ט"ו) גרס בגמ' כל האומר ויכולו בעש"ק כאילו מעיד על הקב"ה שברא עולמו בו' ימים- ובסמוך יבואר בעזהש"י סיבה למה צריך לומר ויכלו על הכוס ולהעיד, הלא כבר הגיד נאמר בתפלה.

04) ובב"י מביא סוי' מרמב"ם (הלכות סוכה פ"ו הלכ' י"ב) דכ' דבסוכות צריך לעמוד בשעת קידוש, כדי שיהא ברכת לישב בסוכה עובר לעשייתן, לפני שישב בסוכה, עכ"פ רואין דיכולין או צריכים לעמוד בקידוש- הוספתי זה כי בפנים בשלחנו הטהור המחב' אינו כותב בהדיא, מה הדין לגבי קידוש עצמו כ"א דויכולו אומר מעומד, וכ"כ בליקוטי מהרי"ח דבמחב' לא הכריע כלל לענין ברכת הקידוש - ולחזור לענין ויכולו דצ"ל מעומד, משום עדות כן איתא, בעטרת צבי

שיקט כוס של ברכה פאר די ווייב ווייל; כדי שעל ידי כוס של ברכה מתברכת האשה, דורך דעם וואס זי טרינקט ווערט זי געבענטשט. דא אבער, ביי קידוש, קומט צו נאך א זאך; עס איז דא א מצוה מן המובחר אז אלע וואס האבן יוצא געווען קידוש זאלן טרינקען. מיר וועלן אי"ה ערקלערן די הלכה. מיט דעם האבן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף געענדיגט די צען זאכן וואס מען דארף האבן ביי קידוש.

## שטיין ביי קידוש אדער זיצן?

**הקדמה קצרה:** דער מחבר שרייבט; **ואומר ויכלו מעומד, ואח"כ אומר בפה"ג, ואח"כ קידוש**, מען זאגט ויכלו שטייענדיג, נאכדעם זאגט מען די ברכה בפרה"ג, און נאכדעם זאגט מען די ברכה פון קידוש. דער רמ"א זאגט; **ונוהגים לישב, אף בשעה שאומר ויכלו,** אז די מנהג איז אז מען זיצט ביי קידוש.

וואס איז די מחלוקת צווישן דער מחבר - רמ"א, און וואס נעמען מיר אן למעשה?

דער מחבר וואס זאגט אז ווען מען זאגט ויכלו שטייט מען, איז ווייל מיטן זאגן ויכלו זאגט מען עדות אז דער אייבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט[03], און עדות'שאפט דארף מען זאגן שטייענדיג[04]. דער רמ"א זאגט, אז עס איז בעסער צו זיצן, און אזוי איז די מנהג. מיר געפונען צוויי טעמים:

1) לבו"ש[05] ווייל אז מען זיצט איז עס מער במקום סעודה; היות די הלכה איז אז מען דארף מאכן קידוש ביי די פלאץ ווי מען עסט די סעודה, אז מען זיצט, איז עס מער אויפן פלאץ.

2) היות בדרך כלל איז מען דאך מוצא אנדערע מענטשן מיטן קידוש און כדי צו קענען מוציא זיין דארף עס זיין א קביעות, ווען מען זיצט, איז עס מער א קביעות[06].

א] כאטש עפ"י הלכה פסק'נט דער רמ"א אז מען זאל זיצן, און געוועהנליך פסק'נען מיר ווי דער הייליגע רמ"א, דא אבער, ביי חסידים, וואס פירן זיך עפ"י בעל שם הק' ותלמידיו הק', פירן זיך אזוי ווי דער אר"י הק'[07] אז מען שטייט ביי קידוש. (עכ"פ פרייטאג צונאכטס. וועגן די קידוש פון שבת צופרי וועלן מיר נאך ערקלערן מיטן אויבערשטנ'ס הילף) אדרבה, מען זאל שטיין פארן כבוד פונעם הייליגן באשעפער און לכבוד דעם הייליגן שבת קודש.

ב] מיר פירן זיך טאקע אז מען שטייט ביי קידוש, אבער היות עס דארף זיין א קביעות כדי צו קענען יוצא זיין קידוש, דארף מען שטיין אויף איין פלאץ און נישט זיך דרייען אהער און אהין בשעת קידוש און הבדלה[08].

ג] אפילו מיר מאכן קידוש שטייענדיג, ווען מען טרינקט די כוס דארף מען עס טרינקען זיצענדיג פאר צוויי סיבות; ערשטנס, עס איז נישט קיין דרך ארץ צו טרינקען שטייענדיג, און צווייטנס, עס איז דא אין דעם א טעם עפ"י סוד[09].

## שאלה:

אויב מען גיבט געלט פאר א גוי\גויים האט מען יוצא געווען די מצוה פון מעשר? און איז עס בכלל צדקה?

## תשובה:

מען איז נישט יוצא קיין מעשר, און עס הייסט נישט קיין צדקה!!

**הסברה:** מען טרעפט אין שולחן ערוך (יו"ד סי' קנ"א סעי' י"ב) מותר לפרנס ענייהם, משום דרכי שלום - אז מען גיבט אמאל געלט פאר א גוי. אבער, דער טו"ז (ס"ק ט') ערקלערט שוין, אז עס איז נאר א דרכי שלום, און נישט קיין צדקה.

01) המחבר פסק: דמפרנסים עניי גויים - והש"ך סקי"ט מדייק, דמחב' הישמיט מה דאיתא בגמ' דמפרנסים ביחד עם עניי ישראל, וכ' דמזה שהישמיט משמע דאיה"נ דמפרנסים אותם אפילו לחוד, וכ"כ בביאור הגר"א סק"כ דלאו דוקא ביחד עם עניי ישראל מותר לפרנסם אלא אפילו לחוד, והטו"ז סק"ט שם כתוב לאמר, דיש חילוק בין עניי ישראל לעניי גוים, ועושה ביאור, דבגוי לא הוי מצוה מן התורה לפרנס אותם, אלא הוי דרכי שלום.

## הגהות

סקי"ז ות"ש סקכ"ה, ושו"ע התניא סי"ט עי' בקונטרס אחרון סי' רס"ח סעי' ז' - וכן איתא באבודרהם ע' קמ"ז בשם רמב"ם.

05) כ"כ הלבושי שרד בשם הכלבו - כלבו בעצם מובא בב"י כאן, וכ"כ בספ' מור וקציעה.

06) כ"כ במשנ"ב סקמ"ו בשם הגר"א, ובקוצר אומ"ר, אציין מקום הטהור של האי האידינא, כי במשנה ברכות מב, היו יושבין לאכול, כל א' מברך לעצמו, הסבו א' מברך לכולם - ובתוס' מ"ג ד"ה הואיל כתבו, אבל צע"ק מהבדלה שאנו מבדילין ועומדים היאך אנו פוטרים זא"ז מיין והבדלה, אחרי שא"א לא יושבים ולא מסובין? ושמא י"ל מתוך שקובעין עצמן כדי לצאת ידי הבדלה קבעי נמי אכולה מילתא, ולכך נאה וטוב למבדיל וגם לשומעים שישבו בשעת הבדלה, שאז יהיה נראה כקבע ופוטר אותם, עי' בשער הציון סקנ"א דמסופק האם דישיבה לד' רמ"א הוי לעיכודא או אינו אלא מצד היותר טוב עי"ש.

07) בשער הכוונות - ופרע"ח, הו"ד בכף החיים סקס"ב, וכ"ה בעולת שבת סי ש"י בשם ספ' המוסר (פ"ד בהג"ה) מובא בסידור השל"ה: קידוש צריך להות בעמידה, כקידושי כלה שהיא בעמידה והכל עומדים לכבודה, כל שכן לכלה העליונה, ע"כ אל יקל בעיניך לעמוד לכבוד השי"ת ולכבודה - וכ"ה בקצויה בכלבו (סי' מ"א) שהיה לנו לאומרו מעומד לכבוד המלך אלא....

08) כ"כ המשנ"ב סקמ"ו וז"ל, ועכ"פ צריך לזהר שיקבעו השומעים עצמן יחד דעת הקידוש כדי לצאת ולא שיהיו מפוזרים ומפורדים והולכים, א' הנה רא' הנה, "דזה לא מקרי קביעות כלל."

09) מג"א סי' רצ"ו סק"ד, עי"ש מחצית השקל, ובכף החיים כ' סקס"ד, שכן הוא בכתבי האריז"ל, ובבא"ח (בראשית שנה ב' שאין בו טעם עפ"י הנסתר, אלא עפ"י השו"ע (סי' ק"ע) דאינו ממדת דרך ארץ לאכול ולשתות מעומד, עי' בפסק"ת אות כ"ז בשם צדיקים ששתו מעומד משום חיבוב המצוה, עי' בזמירות דבר"י דרביה"ק מסאטמער זי"ע, בעת שישב שבעה ר"ל שתה מעומד עי"ש טעמו ונימיקו.

# געדאנקען

## אין די טראנק פון א שעווי סוברבן

א זוי ווי מיר האבן געשריבן לעצטע וואך עטוואס פון די לעבנס געשיכטע פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר זי"ע, וועלן מיר פרובירן ממשיך זיין מיט נאך אינטערעסאנטע קאפיטלען פון די געשיכטע פון דעם צדיק וואס האט געראטעוועט דעם דור פון זיך נאכשלעפן נאך די ממשלת הכופרים.

פרשת יתרו תשי"ב איז דער רבי געווען אין טשיקאגא שאפן געלט פאר די מוסדות אין ארץ ישראל.

עס איז אריינגעקומען אין טשיקאגא 5,000 דאלער.

זונטאג האט דער רבי באזוכט די מקוה, מען האט געפרעגט דעם רבי'ן שאלות בנוגע די מקוה, עס איז אויסגעקומען להלכה אז די מקוה האט געהאט זאכן וואס וואלט געווען א תועלת להלכה אויב מען פאררעכט עס, די מקוה איז געווען נישט אויף די העכסטע סטאנדארט אין כשרות ווי עס וואלט געקענט זיין, האט דער רבי געפרעגט פארוואס פاررעכט מען נישט די זאכן אז די מקוה זאל זיין מער הלכה'דיג, האט מען געענטפערט אז די סיבה איז צוליב געלט, האט דער רבי געפרעגט פון וויפל געלט רעדט מען? האט מען אים געענטפערט אז מען רעדט פון פינעף טויזנט דאלער, בימים ההם! אין תשי"ב!

האט דער רבי געזאגט אז ער גיבט אוועק די פינעף טויזנט דאלער וואס איז אריינגעקומען פאר זיינע ארץ ישראל מוסדות אז די מקוה זאל זיין ווי עס געהער צו זיין, און מען האט פאררעכט וואס מען האט געדארפט פאררעכטן.

דערנאך אז מען האט געזען אז דער רבי קומט אהיים אן געלט האט דער בעסערמינער רב זצ"ל געבארגט פאר'ן רבי'ן 1,500.00 דאלער, אז עס זאל נישט זיין א בזיון אז דער רבי איז אהיים פון טשיקאגא אן גארנישט, און באקומען דערויף א שטר מיט די חתימה פון רבי'ן זכותו יגן עלינו.

ארויסגעשטעלט האט זיך אז ווען דער רבי האט געוואלט באצאלן פאר'ן בעסערמינער רב, האט ער אלץ געזאגט אז ער האט צום לעבן, ער יאגט זיך נישט אפצונעמען דעם חוב, ביז דער רבי איז אוועק פון דער וועלט און דער בעסערמינער רב איז געבליבן מיט א שטר חוב פון רבי'ן, ווען דער בעסערמינער רב איז אוועק האט ער פריער אנגעזאגט מען זאל אים מיטגעבן אין די הענט די שטר חוב, און אזוי האט מען געטון.

עס איז באוויסט אז די וואס טוען פאר'ן צדיק בחייו, וועלן האבן א טובה פון אים אין די וועלט וואו מען לעבט אייביג.

די אינטערעסאנטע זאך איז אז נאכדעם וואס דער רבי האט געהאלפן טון פאר טהרתן של ישראל קען מען טרעפן א אינגערמאנטשיק אין טשיקאגא זאל זאגן ווהי אר נאט סאטמאר ווהי אר ארדינערי דזשוס ווהי וועלקאם אלל דזשוס ווהי לאוו איזראעל ווהי לאוו אלל דזשוס ("כמעט" אלל דזשוס).

**משה אריה שניצלער**

ווהי לאוו אלל דזשוס באט איף יו דאנט לאוו איזראעל ווהי דאנט לאוו יו.

דער רבי האט אראפגעלייגט פאר דעם אינגערמאנטשיק'ס זיידע פינעף אלפים, און דער אינגערמאנשטיק האלט אז דער רבי האט געהאט א שוואכערן פארשטאנד אין מיטל מזרח אנגעלעגנהייטן ווי ער.

עס איז שוין אן אלטע זאך אז א מענטש וואס אן ערליכער איד איז ארויס פון וועג פאר אים זאל דערנאך זיך וואגן מיט זיין פאלאפל קאפ צו האבן א מיינונג אויף ערליכע אידן.

איך וואלט גע'עצה'ט דעם פאלאפל קאפ זאל ווייטער טונקען די פאלאפל אין טחינה און זיך ארויסלאזן פון די ביזנעס פון זאגן מבינות אויף ערליכע אידן וואס טוען נאר פאר יענעם פון צופרי ביז ביינאכט.

זייט מיר מוחל, מיסטער קארעקט, אבער צו פאלאפל פארשטייט איר און צו ערליכע אידן נישט.

זומער תשי"ב האט דער רבי געמאכט א נסיעה קיין ארץ ישראל, דער רבי האט דעמאלטס געגרינדעט תלמוד תורה'ס אין צענדליגער פארשטופטע דערפלער אין ארץ ישראל, מיט די יארן האבן די פרומערע איינוואוינער פון אט די קליינטשיגע דערפלעך זיך געצויגן צו די גרעסערע שטעט, ביז מיט די צייט זענען אט די קלענערע תלמוד תורה'ס געווארן אויפגעלעזט.

איר קענען נאך היינט געפינען וואו אימער אין ארץ ישראל און איבער די וועלט פון די וואס זאגן מיט אייפער ווהי אר נאט סאטמאר ווהי אר ארדינערי דזשוס, וואס זייערע זיידעס האבן געלערנט אין דעם רבי'נס תלמוד תורה'ס אין די פארשטופטע דערפלעך.

יא, דער רבי האט געראטעוועט דעם זיידן פון אריין פאלן אין שמד פאבריק פון די שונאי הדת, און דער אייניקל האט נאך עפעס וויכטיגעס צו זאגן אין די נושא פון ווהי אר נאט סאטמאר ווהי אר ארדינערי דזשוס.

ערב שבת קודש פרשת משפטים תשכ"ח, האט פאסירט די שרעקליכע געשעעניש אז דער רבי איז אוועקגעפאלן מיט א סטראוק השם ישמרינו, עס לאזט זיך נישט זאגן מיט ווערטער וואס אט דער געשעעניש האט באדייט פאר אלפי חסידי סאטמאר און פאר אלע ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות בכל מקום שהם, יעדער איד באשר הוא שם איז געווען טיף באזארגט און שאקירט פון רבינ'ס געזונט צושטאנד, מען האט געווארט מיט די נשמה אין די הענט צו הערן עפעס וועגן סיי וואס פארא שינוי לטובה.

בכלל איז עס געווען גאר טראגיש פאר מענטשן צו קענען טראכטן אז אזא גבור כארי ווי דער רבי איז געווען זאל קענען ווערן אזוי שרעקליך שוואך אז כמעט עוד נשמתו בו, פונקט ווי א קליין קינד פון זעקס יאר קען נישט דערהייבן נפש'דיג צו זען זיין שטארקן טאטן אויסזען שוואך און אומבאהאלפן, אזוי זענען רבבות אלפי ישראל געשטאנען און געווארט בכליון עיניים צו הערן אז דער שוידערליכער

א דאנק די גרויסע נס האב איך זוכה געווען צו זען די הייליגע צורה פון רבי'ן, איך בין געווען א קינד פון פיר יאר, איך געדענק מען איז געווען ביים הויז פון רבי'ן אויף בעקערטאון, איך געדענק ווי אונז שטיי מיר דארט ביי די צוים מיט די שיפע בלעכ'ן.

שוואכער מצב פון דעם מציל הדור ההולך לפני מחנה ישראל זאל זיך פארבעסערן, מען האט זיך געפילט זייער פארלוירן אז דער שטארקער גענעראל איז ליידער אזוי אפגעשוואכט געווארן.

מען האט אלאמירט דעם גרעסטן מח דאקטאר, דאקטאר בענדער, און ער האט ערקלערט אז פאר א מענטש אין די אכציגער יארן צו קענען דורכלעבן אזא סטראוק איז נארמאל נישט במציאות, חוץ אין איינציגער מאל האט ער געזען אז אזאנס זאל פאסירן אז א אכציג יעריגער פאציענט זאל זיך ארויס זען לעבעדיג פון אזא סטראוק.

און אויב עפעס, זאגט דאקטאר בענדער, אפילו עס זאל פאסירן עפעס א וואונדער, געבט ער נאר פאר'ן רבי'ן נישט מער ווי צוועלף חדשים, אזוי האט ערקלערט דאקטאר בענדער.



פאסירט האט א וואונדער, נישט סתם א וואונדער, נאר א דאפלטער וואונדער, דאקטאר בענדער האט נישט אויסגעלעבט קיין צוועלף חדשים פון דעמאלטס, און דער הייליגער רבי האט אויסגעלעבט צוועלף יאר.........

די מעשה מיט דאקטאר בענדער האבן מיר געהערט נישט איינמאל ווי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט עס דערציילט, און ארויסגעברענגט אז א דאקטאר קען נישט מייאש זיין, א דאקטאר האט רשות צו היילן, נישט צו מייאש זיין.

א דאנק די גרויסע נס האב איך זוכה געווען צו זען די הייליגע צורה פון רבי'ן, איך בין געווען א קינד פון פיר יאר, איך געדענק מען איז געווען ביים הויז פון רבי'ן אויף בעקערטאון, איך געדענק ווי אונז שטייי מיר דארט ביי די צוים מיט די שיפע בלעכ'ן, פיר ווייסע רייעס און איין שווארצע רייע, מען קען נאך היינט זען די צוים דארט, הלוואי קען איך דארט גיין באזוכן אמאל, אזוי שטייענדיג ביים צוים אריינקוקנדיג אינעווייניג, האבן די משמשים בקודש געבעטן מען זאל אוועק גיין, לויט ווי עס האט מיר דעמאלטס אויסגעזען אלץ קינד האט עס אויסגעזען ווי די משמשים האבן געזאגט אז דאס אריינקוקן איז נישט ניחא פאר'ן רבי'ן זענענדיג זיין שוואכן מצב, עס איז נישט געווען ניחא פאר'ן רבי'ן אז מענטשן זאלן אים זען אין א אפגעשוואכטן מצב, איך געדענק ווי דער עולם איז זיך צולאפן מיט שרעק אזוי ווי אפגעבריט פון הייס וואסער, עס האט אויסגעזען ווי מען האט נישט געוואלט פוגע זיין קיין זיז כל שהוא אין דעם צדיק, ווי חז"ל זאגן הוי זהיר בגחלתן.

איך געדענק די וועג אהיים, אין איינעם'ס שעווי סובורבן, יא, שטעלט אייך פאר ווי ס'האט אויסגעזען א 1979 שעווי סובורבן...... מיר זענען געווען אין די טראנק, די טראנק איז געווען גראד אן קיין זיצן, די פלאר פון די טראנק איז געווען אזוי ווי די פלאר פון די טראנק פון א פיק אפ טראק אדער א פון א קארגא וואן, דער איד האט דארט געהאט עפעס א לאנגע שטעקן, אדער בעזעם, א גאנצן וועג פון מאנרא אהיים האמיר געדארפט מאנעווערירן די פלאץ אויף די גראדע גלאטע נאקעטע טראנק עס זאל אקאמאדירן מיך און מיין טאטע און די לאנגע CLUMSY שטעקן וואס דער איד האט געדארפט וויכטיג האבן דארט. יענע וועג קען איך נישט פארגעסן.

אפשר ווייסט עס נישט דער היינטיגער דור, דעמאלטס האט געהאט א קאר אפשר איינס פון צען מענטשן, און אפשר ווייניגער, די גאנצע זאך פון זיך שלעפן צום צדיק קיין מאנרא איז געווען גארנישט אזוי גרינג.

אבער קינדער דארף מען נישט מחנך זיין, קינדער טוען וואס זיי זעען, אז זיי זעען ווי דער טאטע לויפט צו א צדיק וועלן זיי לויפן צו א צדיק.

# געשעעניש

אינעהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



מיטינג מיט די קרית יואל'ע חבורה אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין - ה' עקב



די קינדער פון תלמוד תורה קרית יואל ביים ציון פון הרה"ק מוויזניץ זי"ע אין מאנסי - ה' ראה





די עלטערע קינדער פון תלמוד תורה בית שמש ביים מעביר סדרה זיין - עש"ק ראה




חדר פרידמאן


חדר פעלדמאן




חדר פעלדמאן


חדר פעלדמאן




חדר פיש














**קביעת מזוזה מיט די תומכים פון די נייע קלאסן אין מחנה אילן החיים - א׳ ראה**




סיום תהילים פון הילד אלימלך ליבערמאן ני"ו און סיום משניות סדר קדשים פון הילד ישראל ראובן בלום ני"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק ראה






מיטונגען אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין - א' ראה










**פרייליכע חתונה פון החתן שמחה וויינבערג הי"ו עב"ג בת מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו אינעם בנין התלמוד תורה אין שטעטל - א' ראה**








די קלענערע קינדער פון תלמוד תורה בית שמש אויף א טריפ צו א פארק - ד' ראה








**אנשי חיל נאכט - ה' ראה**



מו"ה שלמה ברוך בלוי שליט"א בייס איבערגעבן דעם נייעם
ספר תוך הנחל פארן ראש ישיבה שליט"א - מוצש"ק ראה



סיום הש"ס פון מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו
ביים מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק ראה









מלוה מלכה און סעודת הילולת רביה"ק מסאטמאר זי"ע אינאיינעם מיט פרייליכע טענץ לכבוד די נייע ספר תורה
אריין געגעבן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א - מוצש"ק ראה

בס"ד

פרשת שופטים
אויסגאבע # 31

# אינדערהיים



# אינדערהיים





**בס"ד**
שופטים
תשפ"ו
**נומער 31**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידיש שטוב:
**212.444.9169**



בס״ד
CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND
Stay Connected
WITH PROTEK
TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE
BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA DuraXV
FROM $325
KYOCERA DuraXV EXTREME
FROM $330
HOT!! BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA CADANCE
$300
REG. $350
FREE! YIDDISH KEYPAD STICKERS
TCL FLIP 2
FROM $95
FREE CASE
WONDER PHONE (Waze on car screen)
$399
LETAHER WAZE
$349
TAK PHONE (Waze on car screen)
$275
REG. $330
BLISS B1
$130
FREE! POWER BANK
POM PHONE TALK ONLY / TALK & TEXT
$370
FREE! POWER BANK
POM CLASSIC TALK ONLY / TALK & TEXT
$289
UNLOCKED
LG CLASSIC FLIP
$210
REG. $240
MP3
over 40 options available!
call us for advice
PROTEK Catskills
PURE CONNECTIVITY
HOT!!
SAMVIX X9200
$269
Optional: No video playback
SAMVIX X8400
$209
Optional: No video playback
FREE DAILY DELIVERY!
TO ALL BUNGALOW COLONIES & CAMPS
'SAME DAY' FOR ALL ORDERS ORDERED UNTILL 4:00
AKITO PICO-H
$119
SUMMER BUNDLE DEAL!!
SONIM XP3800
with 2 months unlimited service included!
$139
845.999.TALK(8255)
All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

# הער א מעשה

13 איבערלעבן א מעשה פון תפילה? רופט: טעלעפאן 845-662-4083

## א פרוי פון
### קרית ברסלב

איך האב זייער שטארק געוואלט האבן א נייע שייטל. איך האב געוואוסט אז דער איינציגסטער וועג וויאזוי איך קען דאס יעצט באקומען איז נאר דורך תפילה. יעדעס מאל וואס איך האב אנגעטון מיין שבת'דיגע שייטל.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל האבן א שיינע שייטל לכבוד שבת ויום טוב. היות איך האב עטליכע נאנטע חתונות בקרוב, וויל איך זייער שטארק פילן באקוועם און זיך גוט שפירן מיט א פרישע שייטל.

ס'איז אריבער א היפשע צייט מיט אזעלכע תפילות. איין טאג בין איך געגאנגען באזוכן מיין מאמע תחי', און זי זאגט מיר אז זי האט זיך געקויפט א נייע גוטע שייטל, אבער ס'איז איר געווען צו א לעכטיגע קאליר.

איך האב עס אנגעפרובירט, און ס'איז ממש געווען ווי געגאסן אויף מיר; פונקט מיין קאליר, א גאר גוטע קוואליטי, שיין און פונקט לויט מיין געשמאק.

## א פרוי פון
### ארץ ישראל

איך האב געדארפט פארן קיין חוץ לארץ פאר מיין שוועסטער'ס חתונה, איך האב אלעס גרייט געמאכט, פאר מיר פארן, פרעג איך מיין מאן, "האסטו גרייט געמאכט די ספאדיק? זאגט ער מיר, "ניין, איך געדענק נישט, איך האב נישט געזען די ספאדיק."

מיר קוקן איבעראל, און די ספאדיק איז נישטא. מיר קוקן אינדערהיים, און די ספאדיק איז פשוט פארלוירן.

אינמיטן כאפן מיר אז ס'איז שוין גאר שפעט, און אויב מ'וויל נאך כאפן די פליגער דארף מען ממש לויפן. וואס טוט מען דא?

למעשה, האבן מיר געזאגט, "דאס איז עס, מ'דארף גיין." און מיר זענען ארויסגעפארן.

אויפן וועג איז געווען טרעפיק, איך רעד מיט מיין מאמע, און איך זאג איר, "איך ווייס נישט צו מיר גייען כאפן די פליגער, אבער איך גיי בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן א מעשה פון תפילה."

מיר קומען אן צו די עירפארט, ס'איז שוין געווען א שעה פאר דיפארטשור, מיר לויפן ווי משוגע. איך האב אפילו נישט געהאט צייט צו קוקן אויב ס'וועט זיין א דילעי אדער נישט, אבער איך האב געטראכט אז קיינער זאגט דאך גארנישט, מסתמא איז נישטא קיין דילעי.

איך האב פשוט ווייטער געהאפט און געבעטן.

מיר קומען אן צו די געיט, ממש מיט די לעצטע כוחות, ס'איז צען מינוט פאר דיפארטשור, די געיט איז שוין געווען צוגעמאכט, און קיינער איז נישט דארטן. איך טראכט זיך 'שוין, וואס וועט דא זיין?' איך וויל מיך שוין אנהייבן בעטן ביי די חברה זאלן אונז אריינלאזן, זאגן זיי אונז, "ס'איז בסדר, איר קענט צוריקקומען אין איין און א האלב שעה, די פליגער פארט נאכנישט."

אזוי שטייענדיג דארט זענען מיר ווי אלע מענטשן קומען ארויס פון פליגער, ווייל ס'איז געווען עפעס א פראבלעם, דער אייבערשטער הערט זיך צו צו יעדע ווארט.

מ. פעדער



# א חתונה פון מוריטשקעס

"מאמי, א מוריטשקע!" דער רוף פון מיין צוויי-יעריג טעכטערל האט מיך געמאכט אויפשפרינגען פון מיין פלאץ.

א שמייכל קומט מיר ארויף אויפ'ן פנים הערנדיג ווי זיס זי קען שוין ב"ה רעדן. "מאמי, אסאך אסאך מוריטשקעס!" שרייט זי ווייטער מיט איר זיס קוויטשקעדיג שטימעלע.

מוריטשקעס? אין אונזער הויז? וואונדער איך זיך. איך פראביר דאך אלעמאל אכטונג צו געבן די שטוב זאל זיין זויבער און עס זאלן נישט איבערבלייבן קיין ברעקלעך עסן אויף דער ערד, אבער דאך, אזוי איז עס מיט קינדער - איבעראל קומט אן עסן

שכח אייבערשטער פאר די קליינע הענטעלעך וואס קומען אן אין יעדן ווינקל.

איך גיי נאך מיין טאכטער אהין וואו זי ווייזט מיר אן, און עס ווערט מיר שווארץ פאר די אויגן. איך זע א לאנגע שורה פון מוריטשקעס; איך גיי זיי נאך און איך זע ווי אין דער וואנט לויפן ארום מוריטשקעס - טייל פון זיי אויפ'ן וועג אריין און טייל אויפ'ן וועג ארויס. איך ווייס נישט פונקטליך וואס זיי האבן דארט געפונען, אבער מען וועט זיי מוזן פארטרייבן.

איך גיי צו דער שאפע פון די רייניגונג מאטריאלן און פראביר צו טרעפן עפעס וואס וועט זיי קענען דערשרעקן. איך עקל מיך אזוי פון די קליינע באשעפענישן; מיינע יונגלעך וואלטן די ארבעט מיט פרייד איבערגענומען פון מיר, אבער אזוי ווי איך בין נאכנישט באשאנקען געווארן מיט קיין זין, האב איך נישט קיין צווייטע ברירה. איך נעם ארויס דעם אינסעקטן-ספרעי' און נעם זיך אליין צו דער ארבעט.

נאך א לאנגן קאמף, פון וועלכן איך בין עטליכע מאל כמעט אנטלאפן, זענען שוין אלע מוריטשקעס געווען טויט. יעצט

האב איך זיך גענומען גוט אפצורייניגן מיט בליטש, זיכער צו מאכן אז זיי וועלן מער נישט צוריקקומען.

פון דארט בין איך געלאפן אנצוגרייטן עפעס צו עסן, ווען ביי מיר אין מח איז קלאר אז מיט דעם האט זיך די מוריטשקע-מעשה געשלאסן, און מיר האלטן שוין ב"ה דערנאך.

דער טאג איז ווייטער געלאפן און עס איז שוין געווארן נאכט. איך לייג אריין נאך א לאוד אין די וואשמאשין און אטעם טיף אריין זיך אנצושעפן מיט פרישע כוחות פאר די קומענדיגע מיסיע פון באדן און איינשלעפן די קינדער.

פלוצלינג הער איך א געשריי: "מאמי, א מוריטשקע!"

א שוואכקייט איז מיר באפאלן. איך האב דאך אזוי שווער געארבעט זיי אלע צו פארטרייבן, וויאזוי זענען זיי אזוי שנעל צוריקגעקומען?

איך האב געפילט ווי איך ווער אויס מענטש; און עס פאלט אויף מיר אראפ א קטנות המוחין, און עס כאפט מיר אן זייער נישט קיין גוטע גיסטע.

פלוצלינג האבן זאכן אנגעהויבן מיר צו באדערן: עס האט מיך נערוועז געמאכט אז אלע טויס ליגן אויסגעשפרייט אויף דער ערד; עס האט מיך נערוועז געמאכט אז די קינדער זענען נאכנישט געבאדן; איך האב מיך געערגעט פארוואס די קינדער פאלגן נישט גלייך ביים ערשטן מאל, און פארוואס די בעיבי האט פונקט יעצט אפגעמאכט צו וויינען.

איך האב זיך געערגערט פארוואס מיר האבן אזא אלטע הויז, פארוואס מיר האבן נישט קיין קאר, און פארוואס מיין מאן איז נאכנישט אהיימגעקומען.

און אזוי, מיט א שלעכטער גיסטע האט יעדע זאך גענומען פיל לענגער.

ערשט נאכדעם וואס די קינדער זענען שוין געווען אין די בעטן, האב איך זיך דערמאנט דאס וואס דער ראש ישיבה חזר'ט אזויפיל:

די פראבלעם איז נישט די אלטע הויז, נישט די קינדער וואס פאלגן נישט, נישט די שפילצייג וואס ליגן אויסגעשפרייט אויף דער ערד, און אפילו נישט די מוריטשקעס. די פראבלעם איז - אז איך בין נישט פרייליך.

ווייל ווען א מענטש איז פרייליך באדערט אים גארנישט; עס איז אים גוט און ער איז צופרידן מיט וואס ער האט. אבער אז מען איז חלילה נישט פרייליך און מען געפינט זיך אין א מצב פון קטנות המוחין, דעמאלט באדערט אלעס און מען ווערט נערוועז פון יעדע קליינע זאך.

עס האט מיך דערמאנט די מעשה פונעם מענטש וואס איז ארומגעגאנגען מיט שמוציגע ברילן און ער האט זיך איינגערעדט אז יעדער איז שמוציג, ביז זיין חבר האט אים מסביר געווען אז וויבאלד זיינע ברילן זענען שמוציג זעט ער שמוץ אויף יעדן איינעם; איינמאל ער וועט אפפיצן זיין בריל, וועט ער זען אז יעדער איז ריין.

איך האב מיך גענומען בעטן פונעם אייבערשטן אז איך זאל זיין פרייליך און נישט זוכן קיין חסרונות, נאר זען דאס גוטס אין יעדע זאך.

מיט פרישע כוחות האב איך זיך גענומען אויפרייניגן דאס הויז. שכח אייבערשטער ווען מיין מאן איז אהיימגעקומען בין איך שוין געווען אין א פיל בעסערער שטימונג, און איך האב שוין אפילו געקענט לאכן פון די גאנצע מעשה מיט די מוריטשקעס.

דער ראש ישיבה האט לעצטע וואך ערקלערט ביי א שיעור אז אויב מען האלט נישט פון די קינדער, וועט מען אין זיי נאר זען חסרונות. אויב מען האלט נישט אז זיי זענען עפעס ווערט אדער אז זיי זענען געלונגען, וועלן זיי נישט קענען מצליח זיין אין לעבן.

אזוי אויך אויב מען האלט נישט פונעם מאן, מען קוקט אים נישט ארויף און מען האט אים נישט ליב, וועט מען ווערן נערוועז פון יעדע קליינע זאך וואס ער טוט. פארשטייט זיך אז דאס פאסירט נאר ווייל מען איז נישט פרייליך; ווייל ווען א מענטש איז פרייליך באדערט אים גארנישט, אבער ווען מען איז נישט פרייליך באדערט אלעס. מען זעט נאר די חסרונות פונעם מאן און מען ווערט נערוועז פון יעדע זאך וואס ער טוט.

מען ווערט נערוועז אז ער לייגט נישט אריין זיינע זאכן אין די וועש-שיסל, מען ווערט נערוועז אז דער הוט און רעקל ליגן אויפן דיינינג-רום טיש, עס באדערט אז ער קומט אהיים שפעט, אז ער איז פארנומען מיט זיין טעלעפאן, אדער אז ער טרינקט אויס די זופ גראד פונעם טעלער. מען ערגערט זיך פארוואס ער גייט נישט צו א שיעור.

אבער איינמאל א מענטש איז פרייליך און זוכט אויף דאס גוטס וואס ער האט אין זיך אליין - ווען מען האלט פון זיך אליין - דעמאלט קען מען אויך זען דאס גוטס אינעם מאן און האלטן פון אים.

אויב מען וועט פאלגן וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז און זוכן "איין גוטע זאך וואס דער מאן האט", און מען וועט נאר אויף דעם לייגן דעם דגש און טראכטן בלויז פון די איין גוטע זאך, וועט מען פלוצלונג טרעפן אין אים אזויפיל גוטס; מען וועט זען אז ער איז כולו טוב, ער איז אזוי ערליך, וואויל, לעבעדיג און געלונגען, און ער האט אזעלכע גוטע מידות.

דאס איז פונקט ווי דער הייליגער רבי ערקלערט אונז דעם פסוק: "ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו" - אז אפילו ביי דעם גרעסטן רשע, ווען מען זוכט דאס גוטס אין אים און מען טראכט נאר פון די גוטע נקודה וואס ער האט, קען מען אים אינגאנצן איבערדרייען צום גוטן.

און אז דער מאן אדער דאס קינד פילט אז מען האלט פון אים, וועט ער האבן די מעגליכקייט צו ווערן נאך בעסער, און ער וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף קענען שטארק מצליח זיין.

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## אייטער וואס לאזט נישט גיין ווייטער

אויף א בעל מום,
שטייט געשריבן,
רוהט נישט די שכינה...
אזא רחמנות!
נישט צום פארשטיין,
פארוואס,
ווי אזוי קען עס זיין,
האט ער אליין,
designed
געמאכט זיין פלאן?
זיך אליינס גענומען,
זיינע מומין?
וואס איז ער שולדיג,
וואס האט עס מיט אים,
פארוואס און פארוועו,
ס'איז נישט זיין פראבלעם,
זיין blame
זיין הענט, זיין פיס,
אדער סיי וואס עס איז,
א באבא עפעס,
אין זיין דמות...

ביים שיער ליל שישי,
מוהרא"ש רעדט,
א מום בנפשי,
קיינער זעהט.
ווען inside מ'איז,
צוקלאפט און צוריסן,
אן קיין בטחון,
שרעק פארן שכן,
הייסט מען א בעל מום,
אפילו
מען גייט נישט קרום...

שאול המלך,
נישט אזוי פרֶיילעך,
די שכינה אויף אים,
נישט יעצט רוהט,
מ'זארגט, מ'טוט,
אויפצולעבן,
זיין ביטער געמיט.
דער פאסטון דוד,
וועט קומען שפילן,
ער האט האט די כבוד,
ברענגען צוריק,
אין הארץ פון קעניג,
שמחה און גליק...

ער שפילט, ער שפילט,
אויף זיין פידל'ע,
דאס הארץ גערירט,
יש מנהיג, יש בורא,
ער וועקט אויף אמונה,
מיט זיין ווייכע סטרונע.
פארשוואונדן,
מרה שחורה...
פונדאסנייע שורה,
די הייליגע שכינה...

א מום, א ריס,
א לאך, עס פעלט,
קאנפידענס.
די נפש, די גייסט,
זי איז צו sliced
טרויעריג פארקנאקט,
א וואנט blocked
לאזט נישט גיין ווייטער,
אכן אתה,
קל מסתתר - וואו ביסטו טאטע...?

דער הייליגער רבי,
האט מעדעצינען,
ספעציעל
פאר דיין זעהל,
האב עס אינזינען,
זיינע עצות,
א רפואה,
עס געבט אמונה,
ערך עצמי,
היילט און באנדאדשירט,
א בעל מום בנפשי.

מיטן אייבערשטן רעד,
עפן דיין מויל,
הייל דיין soul
אן inside גלעט,
א healing cream
א workout gym
וועסט מער נישט זיין,
א בעל מום...

די muscle פון דיין גייסט,
excercise
מיטן הייליגן רבינ'ס עצות,
ארויס דו גייסט,
פון mental crisis
וועסט באקומען,
געווינען,
אין דיר אמונה,
פריילִיכקייט,
גילה רינה,
plus פארדינען,
השראת השכינה...!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. טראכטער



# ער האט נעבעך אנגעזעצט

חיים קליין איז א געניטער סוחר. דער אייבערשטער האט אים געשאנקען מיט א סייעתא דשמיא, אז וואס ער האט נאר אנגערירט איז געווארן גאלד.

ער האט זיך אריינגעלייגט אין מארגעדזשעס, און ביז א קורצע צייט איז ער געווען איינער פון די גרעסטע ביים היימישן ציבור. מענטשן האבן אים געקענט אלס אן ארנטליכער מאן; מען האט אים געטרויעט און זיין מזל האט כסדר געשיינט אלץ מער און מער.

ער האט אנגעהויבן אינוועסטירן, און מענטשן האבן געוואלט האבן א חלק אין זיינע אינוועסטמענטס. דעריבער האבן מענטשן איינגעלייגט אסאך געלט ביי אים. חיים איז געווען אן ערליכער איד און האט טאקע גענוצט די געלט נאר אויף אופנים וואס זאלן ברענגען נאך רווחים.

אזוי איז אריבער יאר נאך יאר און חיים איז זייער שיין מצליח. ער גיט צדקה און מעשר, און פירט זיך ווי אן ערליכער איד דארף זיך פירן מיט זיין געלט.

ויהי היום, איין שיינעם טאג גייט בערל אין בית המדרש און זיינע אויגן

פאלן אומגערישט אויף א צעטל, אן אפיציעלער בריוו וואס ליגט אויפ'ן טיש. ער האט באמת נישט געמיינט צו ליינען יענעמ'ס פריוואטע זאכן, אבער די ווערטער זענען אים פשוט געשפרינגען פאר די אויגן. עס איז געווען א בריוו פונעם באנק וואס מעלדט אז וויבאלד מען האט נישט באצאלט די מארגעדזש אויפ'ן הויז, לייגן זיי ארויף א "לין" (LIEN) אויפ'ן הויז, און ביז א קורצע צייט וועט די הויז ווערן די אייגנטום פונעם באנק.

בערל'ס אויגן האבן באמערקט דעם נאמען אויפ'ן בריוו: "חיים קליין".

ער האט זיך אנגעכאפט ביים הארץ. "חיים?" ווער וואלט דאס געגלייבט! אבער מער פון דעם האט ער זיך דערשראקן, ווייל ער האט געהאט געלט איינגעשטעקט ביי חיים'ען, און ער האט פארשטאנען אז אויב חיים זעצט אן, דאן זעצט ער אויך אן.

בערל פעניעט נישט; ער ווייסט אז יעדע מינוט איז טייער. ער לויפט שנעל צו חיים און זאגט אים אז ער וויל ארויסציען פונעם געשעפט.

חיים וואונדערט זיך: "פארוואס?" וויל ער וויסן.

אבער בערל פארשטייט אז וואס ווייניגער מען רעדט אלס געזונטער, און ער זאגט אים עפעס א תירוץ אז ער דארף דרינגענד דאס געלט.

חיים פארשטייט און גיט אים צוריק זיין געלט. בערל האט אפגעאטעמט; ברוך השם ער האט אפגעראטעוועט זיינע אפגעשפארטע פאר דאלאר.

אבער יעצט שפירט ער פאר א חוב צו מעלדן אנדערע; עס איז דאך פשוט א מצוה אין די תורה, א ריכטיגע גמילת חסד.

נאר איין זאך האט ער פארזען: ער האט פארגעסן איבערצוקוקן און מברר זיין אויב דער בריוו איז טאקע געווען צו אט דעם "חיים קליין" איידער ער האט פארשמירט אין גאס. באמת האט בערל געהאט א טעות; דער בריוו איז געווען צו אן אנדערן חיים קליין, אבער ער האט נישט געקלערט דערוועגן אדער פרובירט מברר צו זיין. ער האט געזוכט די סארט מצוות און פאר אלעמען דערציילט די גרויסע נייעס אז "חיים קליין" האט אנגעזעצט.

עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט און אלע זענען געקומען קלאפן אויף די טיר, אז זיי דארפן "שוין" צוריק זייער געלט. נאך איידער חיים האט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, איז שוין ליידער מקוים געווארן דאס וואס מען האט זיך אויסגעמשל'ט אויף אים, און חיים איז טאקע געווארן א בלוטיגער ארימאן. ממש פון איין טאג אויפ'ן צווייטן האט זיך דאס מזל אזוי איבערגעדרייט, און ער איז געווארן א גרויסער בעל חוב.

דאס וואס אלע האבן ארויסגעצויגן דאס געלט אויף איינמאל האט אים ממש צוגרונד געלייגט, און חיים האט זיך דערזען מיט א בארג חובות. פונעם אמאליגן עושר איז שוין מער נישט געבליבן ווי א שיינער אפיס.

חיים איז געווען אובד עצות: וואס טוט מען דא? א איד האט אבער אן עצה, און חיים כאפט א "שפאציר מיט'ן אייבערשטן". ער שמועסט זיך אויס דאס הארץ אויף פשוט'ן אידיש, התבודדות, ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז. ער וויינט צום אייבערשטן: "מאין יבוא עזרי? פון וואו וועט קומען מיין הילף?" עזרי מעם ה', נאר פונעם אייבערשטן.

און אט, אזויווי ער שפאצירט פארזינקען אין זיינע מחשבות, הערט ער ווי אן אלטער איד רופט אים: "יונגערמאן, אפשר קענסטו מיר געבן א האנט?"

ער דרייט זיך אויס און דערזעט אן אלטן איד וואס מוטשעט זיך ארויפצוגיין עטליכע טרעפ. חיים האלט אים אונטער און העלפט דעם איד גיין אפאר טריט.

"וואס גייט פאר מיט דיר? איך זע אז דו קוקסט אויס זייער אנגעשטרענגט."

חיים פרובירט צו מאכן א פאלשן שמייכל צו פארדעקן זיינע זארגן, אבער אן ערפאלג. "אלעס איז ביי מיר גוט, ב"ה," זאגט ער פארן איד.

"פארט, דערצייל מיר. וואס דריקט דיר? געלט?"

אז איינער פרעגט אזוי דירעקט, זאגט חיים דעם אמת, אז יא, ער געפינט זיך אין א זייער שווערן פינאנציעלן מצב.

"וויפיל דארפסטו?" וואונדערט זיך דער אלטער.

חיים ציט מיט די אקסלען. וואס זאל ער אים זאגן? אז ער דארף כאטש א פערטל מיליאן זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס?

"א האלב מיליאן וועט דיר העלפן?" פרעגט דער אלטער נאך איידער ער ענטפערט.

חיים עפנט צוויי גרויסע אויגן. דאס איז דאך ממש א מעשה מיט אליהו הנביא. "געוויס," שטאמלט ער ארויס, נישט וויסנדיג וויאזוי די מעשה וועט זיך ענדיגן.

דער אלטער מאכט נישט קיין גרויסע צערעמאניעס; ער שלעפט ארויס א טשעק-ביכל און זאגט אים: ״דו געפעלסט מיר. איך בארג דיר אויס א האלב מיליאן, און איך טראסט דיר אז אין א יאר ארום, ג׳ אלול, וועלן מיר זיך דא טרעפן און דו וועסט מיר קענען אפצאלן דעם חוב.״ דער אלטער גיט אים זיין טעלעפאן נומער, און אויך חיים גיט אים זיינס.

נאך איינער וויל ארויסנעמען זיין געלט פון די געשעפטן. חיים זיפצט אפ. יענער קומט אריין און זיין בליק פאלט אויף דעם האלב-מיליאן דאלערדיגן טשעק. ער שטעלט זיך אפ א מינוט. ״אפשר לוינט נישט ארויסצוציען. איך זע אז ער האט דאך יא...״

״אה... איך האב זיך בארעכנט, גיב מיר אפאר מינוט. איך וועל איבערטראכטן...״

דער אלטער מאכט נישט קיין גרויסע צערעמאניעס; ער שלעפט ארויס א טשעק-ביכל און זאגט אים: ״דו געפעלסט מיר. איך בארג דיר אויס א האלב מיליאן, און איך טראסט דיר אז אין א יאר ארום, ג׳ אלול, וועלן מיר זיך דא טרעפן און דו וועסט מיר קענען אפצאלן דעם חוב.״

ער בלינקט מיט די אויגן צו זען אויב די מעשה איז וואר אדער ער חלומ׳ט, אבער ניין, ער איז וואַך. ער האלט אין האנט א טשעק פון א האלב מיליאן דאלער.

חיים הייבט אויף די אויגן צום הימל, נישט גלויבנדיג אז די מעשיות וואס פאסירן נאר אין די פאנטאזיע ביכער, פאסירן יעצט מיט אים.

חיים איז אריין אין אפיס; ער דארף זען צי די געלט איז טאקע דא אין באנק. אבער נאך איידער ער האט געקענט טון וואס ער האט געדארפט, קלאפט מען אים אין טיר.

די פייגעלעך פון שטאט האבן שנעל געטראגן דעם קול אז חיים האט ״יא״ געלט, און אז ער ווייקט זיך אין ״מיליאנען...״

און דער אייבערשטער, דער מסבב כל הסיבות, האט אזוי געפירט אז ביז אפאר וואכן האט זיך דאס רעדל געגעבן א דריי און מענטשן האבן פריש אנגעהויבן צו אינוועסטירן אין חיים׳ס געשעפטן. די גאס האט דאך געשמועסט אז ער האט למעשה ״יא...״.

חיים האט זיך דערזען מיט א נס. ישועת ה׳ כהרף עין; ער האט ניטאמאל געדארפט נוצן דעם טשעק פון דעם אלטן. ער האט דאס אוועקגלייגט על כל צרה שלא תבוא אויב עס וועט זיך מאכן, אבער דערווייל דארף ער עס נישט.

אזוי איז אריבער א גאנץ יאר, ווען ב״ה דער מצב ביי חיים האט זיך סטאביליזירט און זיין מזל האט ווידער אנגעהויבן צו שיינען.

נאך א יאר רופט ער אן דעם אלטן איד און זאגט אים: ״איך וויל זיך טרעפן מיט אייך, אייך באדאנקען, הגם עס האט נישט אויסגעפעלט.״

צום באשטימטן טאג טרעפן זיי זיך אין פארק. חיים ווארט שוין אומגעדולדיג אויפ׳ן אלטן איד, און אט קומט ער אן, דאס מאל שוין מיט א געהילף.

דער געהילף טרעט פאראויס און זאגט אים שטילערהייט: ״דער אלטער וועפט אביסל; ער גייט ארום טיילן טשעקלעך. נעם עס פון אים און זאג אים יישר כח, אבער זאלסט וויסן אז עס האט נישט קיין דעקונג.״

חיים שטייט געפלעפט! עס האט נישט קיין דעקונג? אוי, ווי עס האט א דעקונג! דער אייבערשטער האט עס געדעקט. טרערן קומען אים אין די אויגן; ער הייבט אויף זיינע אויגן צום טאטן אין הימל און זאגט: ״מה רבו מעשיך ה׳!״ ווי וואונדערליך זענען דיינע וועגן, באשעפער.

א יאר צוריק שפאצירט זיך חיים צוקלאפט און צובראכן, פארלוירן און מייאוש, און בעט זיך ביים אייבערשטן ער זאל אים העלפן, און אט קומט אים אנטקעגן א איד מיט א טשעק. דער אייבערשטער האט אזוי געפירט, אז דער טשעק האט אנגעהויבן דרייען זיין

רעדל צוריק צום גוטן.

און איר זאגט אז עס האט נישט קיין דעקונג? וואס מיינט דעקונג? געלט אין באנק מיינט דעקונג? דעקונג האבן מיר פון אונזער טאטן, פון אונזער גרויסן באשעפער!

דער אייבערשטער האט זיך זיינע וועגן וויאזוי ער העלפט אונז, נישט דוקא דורך דעם וועג וואס זעט אויס פאר אונזערע פליישיגע אויגן; דאס איז די ישועה. נישט דאס וואס שטימט לויט די ביכער, דאס איז דער נס. נאר דער נס איז דאס וואס מיר זענען זוכה אויסצוגיסן אונזער הארץ צום אייבערשטן און אים אויסצודערציילן אלעס וואס גייט אויף אונז אריבער. דאס איז אונזער נס, דאס איז אונזער ישועה, און דאס איז אונזער דעקונג.

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אפט די מעשה, אז מען האט אמאל געהערט דעם הייליגן בעל התניא וויינען ביי די ווערטער פון תהלים "מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ", און ער האט געוויינט: "אייבערשטער, איך דארף נישט קיינעם... נאר דיר באשעפער אליינס! נישט די וועלט און נישט יענע וועלט, נאר דיר באשעפער אליינס!"

מיט די עצות פון רבי'ן, און מיט די אומשאצבארע עצה פון התבודדות, קענען מיר אויך צוקומען צו אט דער דביקות און קשר צום באשעפער, אז מיר זאלן אויך וויסן, געדענקען און קענען זאגן: "איך דארף נישט קיינעם, איך דארף גארנישט, נאר דיר באשעפער אליינס!"

דאס איז אונזער דעקונג, דאס איז אונזער באנק אקאונט; וואס נאך דארפן מיר? דער הייליגער רבי דערמאנט אונז אז אין עולם הזה, אויף די וועלט, גייט יעדער אריבער וואס ער גייט אריבער. יעדן איינעם פראבירט מען אויס, און דאס אלעס איז נאר למען הבחירה, כדי צו זען: צו וועמען לויפסטו? וואו גייסטו? וואס טוסטו ווען דו האסט א פראבלעם?

עס דאכט זיך שטענדיג אז ביי יענעם לאכט זיך, אבער באמת גייט אויף דיין שכן אריבער פונקט דאס וואס עס גייט אויף דיר אריבער. ביי יעדן איינעם איז די שפיל אביסל אנדערש, אבער דער ציל און די מטרה זענען די זעלבע. ביי איינעם איז עס פרנסה, ביי א צווייטן איז עס צער גידול בנים, ביי א דריטן איז עס שלום בית, ביי נאך איינעם זענען עס נפשיות'דיגע פראבלעמען, און ביי אנדערע איז עס אלעס אינאיינעם... אבער די אונטערשטע נקודה בלייבט די זעלבע: "וואו לויפסטו? וואו אנטלויפסטו? צו וועמען גייסטו?"

מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן זענען מיר זוכה אדורכצוגיין די וועלט "ווי א קלארן". התבודדות גיט ישוב הדעת, שכל און הדרכה פאר א מענטש. דורך התבודדות ווארפן מיר ארויף אונזער פעקל אויפ'ן אייבערשטן כגמול עלי אמו; ווי א קליין קינד וואס זארגט נישט, נאר ווייסט אז די מאמע וועט אים באלד אנפיטערן, אזוי פארלאזן מיר זיך אויפ'ן אייבערשטן אז ער וועט קעיר נעמען פון אונז.

און דאן איז נישט קיין חילוק צי דער מענטש איז אן עושר אדער א נישט געזונטער וואס לעבט אין דמיון, ווייל מיין ישועה קומט גלייך פונעם אייבערשטן. עס אינטערעסירט מיר נישט וויאזוי די ישועה איז פארשטעלט.

דאס זאגן מיר יעצט אין חודש אלול אין "לדוד ה' אורי", אזא לעכטיג קאפיטל וואס באפעסטיגט אונזער אמונה. מיט'ן אייבערשטן איז מיר ליכטיג, וואס האבן מיר צו מורא האבן? דער אייבערשטער איז די שטארקייט פון מיין לעבן!

מיין ישועה קומט נישט פון א מענטש, ווי מוהרא"ש זאגט אונז: "אל תבטחו בנדיבים" - פארלאז זיך נישט אויף קיין רייכע לייט, "ובבן אדם שאין לו תשועה" - ווייל א מענטש קען זיך אליין נישט העלפן!

אונזער ישועה קומט נאר פונעם אייבערשטן. לאמיר זיך נישט לאזן פארפירן און זיך נישט פארלירן מיט'ן טראכטן אז דער אדער יענער קען אונז העלפן, אדער אז יענער וועט מיר געבן אן עצה.

די שליסלען פון לעבן, קינדער און פרנסה, זענען נאר אין די הענט פונעם אייבערשטן. נאר ער גיט און נאר ער נעמט; לאמיר זיך פארלאזן נאר אויף אים און בעטן אלעס נאר פון אים.

אט האלטן מיר שוין אין די טעג פון אלול, טעג פון רחמים. דער אייבערשטער מיט זיין רחמנות גיט אונז א חודש זיך אנצוגרייטן צום גרויסן יום הדין. יעצט איז די צייט צו בעטן פונעם אייבערשטן, אזוי ווי מיר בעטן אין "לדוד ה' אורי": "אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו". לאז מיר, טאטע זיסער, שפירן דעם זיסן און לויטערן טעם פון אמונה, פון זיך פארלאזן נאר אויף דיר און אויף קיינעם אנדערש, ווייל "איך דארף נישט קיינעם נאר דיר באשעפער אליינס!" און אז איך האב אמונה האב איך אלעס!

רעספּי פונדערהיים

# Honey Cookies

S. LEVY

## INGREDIENTS

9 cups flour
6 eggs
1 1/2 cups sugar
1 tsp baking powder
2 tsp baking soda
half of vanilla sugar
1/4 teaspoon cinnamon
3/4 cup oil
1 1/2 cups honey

## DIRECTIONS

Mix till smooth dough. Roll out to cookie size, place on lined cookie sheet.

Bake on 350 for 15 to 20 minutes.

א גוט געבענטשט יאר!



**רבותי ס'איז אלול...**

**יא, אבער וואס זאל איך טון למעשה?**

ביי נישט ארום מיט א זויערע פנים, אפילו ס'איז דיר ביטער מאך דיר פרייליך, עס זיסע "האניגדיגע" עסן ווערסטו כאטש האבן א געמאכטע פרייליכע פנים, וועט מען דיך פון הימל אויך משפט'ן א פרייליכן און זיסן יאר.

# ב"ה מעשה'לעך 5
# אנגעקומען!




פון די
'מעשה'לעך
פאר קינדערלעך'
סעריע
ארייַנצובריינגען די
הייליגע ריינע אמונה
און יראת שמים
און די קינדער




קאלערינג ביכל




צו באקומען פאר הפצה
אדער פאר א יחיד
רופט שוין אריין קרן הדפסה
**718.387.2691**

און נאך וואס וועט ארויסקומען בקרוב בעז"ה



ג. פעקעטע

# האסטו געהערט??

ווער וואלט געגלייבט אז זיבן גליקליכע וואכן קענען אזוי שנעל פארביילויפן?

שלאמצי האט געהאט א גאר געשמאקן זומער, פארברענגענדיג אין די באקאנטע באנגעלאו קאלאני "זין שטראלן". זי פלעגט שוין אהין גיין יארן לאנג און זיך גוט באקענען מיט די אנדערע פרויען וואס קומען אויך אהין יאר נאך יאר; זיי זענען געווארן זייער היימיש איינע מיט די אנדערע. ס'איז געווען א געלונגענער דעי קעמפ פאר די קינדער, א געשמאקער סירקל פאר די פרויען, און א גאר קלארע און ריינע פול. זיי האבן דארט אויך באקומען צוגעשטעלטע עסן, און מער-ווייניגער איז עס ממש געווען א געשמאקע קאלאני צו פארברענגען די זומערס.

שלאמצי האט דורכאויס דעם גאנצן יאר זייער ארויסגעקוקט צום סאשעלייזן דארט, ווי אויך צו די פרייהייט פון לאזן די קינדער ארומלויפן אויף די גרינע פעלדער – אנדערש ווי איבערן יאר, ווען זיי וואוינען איינגעשפארט אין א דירה וואס איר משפחה האט שוין לאנג אויסגעוואקסן.

עס איז געווען נאך א לאנגע, רעגנדיגע וואך. די פרויען האבן זיך געדארפט אויפהאלטן יעדער אין זיין אייגענעם באנגעלאו, און פרובירן אונטערצוהאלטן די קינדער ווען זיי זענען אריינגעקומען דורכגעווייקט נאס נאכן טאנצן און שפילן אין רעגן.

דאן האט זיך אנגעהויבן די ריכטיגע ארבעט מיט די קינדער, וואס דאס איז אמת'דיג א שווערער מצב וואס מאכט זיך כסדר אין די

פאָר זומער וואכן אין קאנטרי.

ענדליך, מיטוואך נאכט, נאכן זיין איינגעשפארט רוב טעג פון די וואך מיט די קינדער אין די באנגעלאוס, פרובירנדיג זיי צו באשעפטיגן און שלום מאכן צווישן זייערע אלע קריגערייען, האבן די לעידיס באשלאסן אז ס'איז צייט זיי זאלן האבן א שטיקל ברעיק. ס'איז צייט צו מאכן אביסל "מי טיים".

אויפן טעקסט גרופ האבן אלע אריינגעווארפן זייערע מורא'דיגע געדאנקען, עצות און השגות וויאזוי מען זאל זיך אויסלופטערן די נאכט.

ס'האט זיך אנגעהויבן גאנץ פלאטשיג, פשוט מיט אראפרופן אן אייזקרים טראק, א סושי טראק, אדער א שניצל טראק.

שנעל איז עס ארויפגעפארן צו ארויסגיין צו א פיצא סטאר, א סושי פלעיס, אדער א סטעיקהאוז אויפן וואסער. דאן איז מען געגאנגען ווייטער און גע'חלומ'ט פון גיין קעמפינג ערגעץ אין א וואלד, און לאזן די קינדער מיט די עלטערע מיידלעך וואס קומען שוין אט-אט אהיים פון קעמפ. די חלומות און דמיונות האבן זיך ווייטער געצויגן צו אן overnight hotel, א Florida getaway, אן exclusive Cancun resort, און ווייטער און ווייטער און ווייטער.

דאס פלאנען אליין איז געווען גאנץ גוט אונטערצוהאלטן די פרויען בשעת דער רעגן לאזט נישט נאך, לאנג נאכדעם וואס די קינדער זענען שוין טאקע געשלאפן. זיי האבן אבער געזען אז מ'קומט נישט אין ערגעץ אן.

שיינדי, די שטארקע צווישן זיי, האט ארייננגעשיקט א זייער קלארע מעסעדזש: "א האלבע שעה ארום זאל יעדער קומען פארשטעלטערהייט צו די 'סעודה פון אחשורוש' וואס וועט פארקומען אין די דעי-קעמפ הויז. לאמיר זען ווער ס'וועט אויסגעוועלט ווערן אלס מלכה. גרייט אייך צו א קורצע פערפארמענס וואס איר וועט אויפשפילן זיך פארצושלאגן פארן קעניג. C U".

די פרויען האבן זיך אלע ארויפגעכאפט אויפן פלאן און זיך געגרייט פאר א נאכט פון געלעכטער.

שלאמצי האט אויפגעלאכטן; אט דאס איז איר זאך. זי האט אנגעהויבן שלעפן רעקטס און לינקס אלע סארט קליידער, עקסעסעריס, הודל בודל געמישעכץ וואס האט זיך אפגעטון אלץ אין איר באנגעלאו: די ביעדס-קייטל וואס איר טאכטער האט אהיימגעברענגט פון דעי-קעמפ, די קאלירפולע טשיריאס-ברעיסלעט וואס מ'האט געמאכט ביים קארניוואל, די תשעה-באב פאפאטש וואס איר דריי-יעריג קינד האט אהיימגעברענגט, געדרייטע לאקשן צו מאכן איר האר "קינקי", מארקערס צו פארבן דאס פנים, פעיפער-טאוועל צו מאכן א שלייער, וכו' וכו'.

די האלבע שעה איז זייער שנעל פארבייגעגאנגען. שלאמצי האט אנגעצונדן דעם מאניטאר אין איר באנגעלאו, און אריבערגעטאנצט צום דעי-קעמפ הויז.

אריינקומענדיג אין אחשורוש'ס פאלאץ, איז שוין געווען גענוג אויפצוהייבן די געמיטער פון די באוואשענע פרויען פון די 'זין שטראלן' קאנטרי, וואס זענען שוין געווען איינגעהוילט אינדערהיים די לעצטע פאר טאג.

ס'איז געווען גאר פרייליך און געשמאק; אלע האבן זיך אהערגעשטעלט און מיטגעשפילט. דער קעניג אחשורוש האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין גאנץ א מפונק, פארלאנגענדיג פון יעדע פרוי א פערפארמענס - אבער נישט סתם, נאר קלאר און הויך אויפן מייק. שלאמצי האט צוגעגרייט א שיינע פארשטעלונג וואו זי זינגט, טאנצט, און מאכט אויך באוועגונגען מיט די הענט און פנים-אויסדרוקן, זיך איינצובעטן ביים קעניג ער זאל איר אויסוועלן פאר א מלכה.

ס'איז שוין געווען אט אט שלאמצי'ס רייע, נאר נאך דריי פרויען פאר איר, און דאן איז געקומען איר צייט צו שיינען.

פלוצלינג האט זיך איר מאניטאר צעקלינגען, און א געוויין האט זיך געהערט דורכ'ן מייק וואו איר מאניטאר איז געווען איינגעפלאגט. שלומצי לויפט שנעל צוריק צו איר באנגעלוי מסדר צו זיין דאס געוויין, פאר ס'ווערט איר רייע.

שלאמצי ברעכט אויף די טיר פון איר באנגעלוי און וואקט אריין. מיט קולי קולות שרייט זי אויס: "ווער איז יעצט אויף? וועלכע קינד שטייט אויף אינמיטן די נאכט? נישטא אזא זאך! לייג דיך די מינוט צוריק אראפ!"

שלאמצי'ס פיר-יעריג טאכטער שטייט הינטערן טיר און איז צודרוקט געווארן דערביי. "מאמי!" וויינט זי, און איר קול ווערט נאר העכער און יאמערליכער, "מאמי, וואו ביסטו געווען? מאמי, פארוואס ביסטו ארויסגעגאנגען? מאמי, איך האב מורא צו זיין אליין!"

שלאמצי האט נישט צופיל צייט, ס'איז אט איר רייע. "לייג דיך אראפ די מינוט אין בעט, ס'איז נישטא וואס צו מורא האבן."

> שלאמצי ברעכט אויף די טיר פון איר באנגעלוי און וואקט אריין. מיט קולי קולות שרייט זי אויס: "ווער איז יעצט אויף? וועלכע קינד שטייט אויף אינמיטן די נאכט? נישטא אזא זאך! לייג דיך די מינוט צוריק אראפ!".

"אבער מאמי, איך האב יא מורא! אבער מאמי, איך וויל נישט זיין דא אליין!"

שלאמצי פילט ווי אירע נערוון לאזן זיך אויס. "איך גיי דיר געבן צווי געזונטע פעטש אויב דו לייגסט זיך נישט אראפ אין בעט די מינוט!"

"אבער מאמי, איך ציטער..."

פראסק!

"מאמי!" וויינט יעצט דאס דערשראקענע און דערשלאגענע מיידל.

ס'איז שוין אריבער נאך א מינוט, און ביי שלאמצי אין מוח איז נאך געבליבן נאר צוויי פרויען פאר איר. "לייג דיך אראפ די מינוט, איך וויל פון גארנישט הערן!"

דאס דערשראקענע מיידל גייט צוביסלעך צו איר בעט, קריכט אריין, און לייגט זיך אראפ אינגאנצן דערשראקן און באפאטשט. "אבער מאמי, דו האסט מיר אמאל געזאגט אז דו גייסט קיינמאל נישט ארויסגיין, און דו ביסט יא ארויסגעגאנגען. אויך, מאמי, פריער האסטו מיר געזאגט אז דו גייסט מיר געבן א גוטע זאך ווייל איך בין געווען וואויל אין דעי' קעמפ, און דו האסט מיר עס נישט געגעבן, נאר דו שרייסט אויף מיר די גאנצע צייט אז איך בין א שלעכט מיידל!"

שלאמצי איז ארויס פון די כלים. "ביסט טאקע א שלעכט מיידל, און דו באקומסט מער נישט די גוטע זאך. מען טאר נישט אויפשטיין אינמיטן די נאכט. א מיידל וואס שטייט אויף אינמיטן די נאכט איז א זייער שלעכט מיידל. לייג דיך שוין אראפ די מינוט, און איך וויל גארנישט הערן. איך גיי יעצט ארויסגיין, ווייל איך קען דא מער נישט בלייבן און צוקוקן וויאזוי דו וויינסט. דו הערסט נישט אויף צו וויינען. שטיל! אויב דו וועסט זיין אינגאנצן, גאנצן, גאנצן שטיל, וועט מאמי באלד צוריקקומען."

שלאמצי גייט ארויס פון שלאף-צימער און גייט אריין אין קאך. "אייביג טוט זי דאס צו מיר," שרייט זי זיך אויס צו די פיר ווענט. "יעדע מאל ווען איך וויל שוין ענדליך גיין הנאה האבן, פארברענגען און האבן א good time, זיך אביסל אויסלופטערן פון די שווערע קינדער, דארף זי מיך נאכאמאל מוטשענען און אוועקשלעפן פון דעם גאנצן פאן אין לייף.

פארוואס? פארוואס פונקט איך דארף האבן אזא קינד? איך בין אזא אומבאפארעטע מאמע; וויפיל מאל איך האב שוין געוואלט און פרובירט אויסצולערנען מיינע קינדער צו גיין שלאפן אין צייט, גייט עס מיר קיינמאל נישט. יעדע נאכט איז א צווייטע מעשה, און די קינדער וועקן זיך אויף. איך ווייס נישט פארוואס מיינע קינדער זענען אזעלכע פחדנים, איך קען עס נישט דערהייבן. וואס איז בכלל דא מורא צו האבן? איך האב אלץ געוואוסט אז מען געבט א פראסק און מען פאקט איין - אזוי האט מיין מאמע געטון. פארוואס ארבעט עס נישט ביי מיינע קינדער? פארוואס דארף איך א גאנצן טאג זיין ביזי מיט זיי? פארוואס קענען זיי נישט זיין מלאכים ווי די שכנים'ס קינדער? און נאכדעם זיך עסן דאס הארץ א גאנצע נאכט: פארוואס שריי איך און רעג זיך אויף מיינע קינדער?..."

אזוי האט שלאמצי געענדיגט זיך צושרייען און זיך אויסבלאזן פארן שפיגל.

זי וואקט ארויס פון טיר און לויפט צוריק צום לאנטש-רום, A.k.a אחשורוש'ס פאלאץ. זי האלט שוין איר האנט אויפן הענטל פון די טיר, אבער זי דערמאנט זיך אז זי האט נישט איר מאניטאר.

זי לויפט צוריק צום באנגלאו, ווילנדיג נעמען איר מאניטאר.

זי זוכט רעכטס, זי זוכט לינקס. זי שרייט: "וואו איז עס? וואו איז עס? ס'איז שוין באלד מיין רייע! איך וויל פערפארמען, איך בין זיכער אז

דער עולם גייט הנאה האבן פון מיין פארשטעלעכטס און געזאנג, וואו איז דער מאניטאר?"

זי באפאלט איר דערשראקענע טאכטער, וואס ליגט נאך פארוויינטערהייט אין איר בעטל, און שרייט: "וואו איז דער מאניטאר? האסטו עס גענומען? דו ווייסט אז מאמי לאזט עס נישט טאטשן, געב עס שוין צוריק!"

אבער איר טאכטער האלט אינמיטן א וויינעדיגע אטאקע און הייבט נאר אן צו וויינען העכער און שטערקער...

פלוצלונג האט שלאמצי זיך געכאפט. איר בלוט פרירט. זי פאלט צו דער ערד... זי האט קיינמאל נישט צוריקגעברענגט דעם מאניטאר ווען זי איז צוריקגעקומען צו איר באנגעלאו צום וויינעדיגן קינד.

ס'איז איר געווארן שווארץ פאר די אויגן, און זי לאזט ארויס א געשריי: "אווווווייייי!!!"

"העין רואה והאוזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים." מיר זענען אלע אויפגעוואקסן מיט דעם, און מיר ווייסן אז ס'איז דא אן אויג וואס זעט, אן אויער וואס הערט, און אלעס ווערט פארשריבן אין א ספר אויבן אין הימל.

דער אייבערשטער האלט מיט יעדע ריר און יעדע רגע פון יעדע בריאה. דאס איז נישט קיין נייעס. וויפיל פלעגן מיר מורא האבן אלס קינדער פון די טיטשערס וואס האבן אונז אנגעשראקן ווי יעדע עבירה ווערט פארשריבן אינעם שווארצן בוך און אויפגעשפילט ווען מען קומט ארויף נאך הונדערט און צוואנציג. אבער דעם רבינ'ס לימודים זענען דא אונז צו מחזק זיין און מחיה זיין.

העין רואה - אן אויג זעט יעדע גוטע זאך וואס דו טוסט: יעדע מאל דו ווישט אפ א קינד, דו טרוקנסט אפ וועש, אדער דו גרייטסט אן עסן פאר דיין משפחה.

האוזן שומעת - אן אויער הערט יעדע ווארט וואס דו רעדסט ארויס צום אייבערשטן; יעדע געשטיקטע געוויין וואס דו קרעכצט אויס אינעם ריכטיגן פלאץ, צום אייבערשטן, וואס קען דיר העלפן; יעדע גוט ווארט וואס דו געסט פאר דיין מאן, דיין קינד אדער דיין פריינט.

כל מעשיך בספר נכתבים - אלעס וואס דו טוסט, יעדע גמילת חסד, יעדע ווארט וואס דו רעדסט ארויס צום אייבערשטן, יעדע נאכטמאל וואס דו פיטערסט, יעדע ווינדל וואס דו טוישסט, יעדע שפילצייג וואס דו פאקסט איין, און יעדע פליק וואס דו שלינגסט אראפ... דער אייבערשטער זעט עס. ס'ווערט פארשריבן אינעם גאלדענעם בוך, און ס'קאונט, ס'מעטערט, ס'מאכט אויס! ס'ברענגט דיך צו א שענערן און א בעסערן פלאץ ווי פריער.

אפילו ס'קוקט דיר דא אונטן אויס ווי "ווער ווייסט מיין פיין, ווער טוט מיך בכלל פארשטיין, און וואס איך טו טעגליך דורכגיין?", ווערט אויבן אין הימל גארנישט פארגעסן.

קרעכץ עס אויס צום אייבערשטן, שמועס עס אויס מיט אים. גיי אן מיט דיינע גוטע מעשים: דיין קליינע פעולה אין צניעות, דיין קליינע שלינג נאכגעבן פאר שלום בית, דיין מחיה זיין דיינע עלטערן, אדער דאס קוקן גוט אויף א קינד... עס ווערט אפגעשריבן, און עס זאמלט אן דיינע זכותים פארן יום הדין.

בפרט יעצט ווען מיר גרייטן זיך צו שיקן די מענער קיין אומאן, און מ'פילט זיך ווי מ'בלייבט אינגאנצן אליין. ווער ווייסט ווי שווער עס איז?

זיך פארענטפערן, אדער פארגיטיגן, אדער גאר פארשווייגן די אלע לצנים וואס ווילן דיר פשוט לאזן וויסן אז ס'איז נישט נארמאל אז דיין מאן איז ברעעססללללעעעבבב און ער לאזט דיך איבער אליין אלס א יונג ווייבל, אדער ווען דו ווארטסט, אדער ביסט א קומפעטאַרין, אדער ווען דו קענסט זיך נישט אליין אן עצה געבן, ביסט homebounded, אן געלט, שופר'לאזדיג...?

ווער ווייסט ווי שווער עס איז?

די שרעק פון דעם לאנד (וואס איז אין א מצב פון נישט-מלחמה) וואו דיין מאן פארט אריין? וועט ער ווארטן אויפ'ן פעקל, אדער פארן מיט'ן טרעקל? אדער שטיין אין רעגן ביים גרעניץ מיט א נאסן זעקל?

ווער ווייסט ווי שווער עס איז?

זיך אפצוגעבן א גאנצע וואך מיט די קינדער אינדערהיים, פראווען דעם יום טוב אליין, זיין סיי א מאמע און סיי א טאטע אינגאנצן אליין, אן קיינעם צו וועמען זיך אויסצורעדן ביינאכט?

דער אייבערשטער ווייסט דאס גאר גוט, און ער רעכנט יעדע גוטע מחשבה, דיבור און מעשה פונעם יאר; און דער רבי האט אונז שוין פאר דעם צוגעזאגט א גוט געבענטשט און זיס יאר.

ל. וועבערמאן




# אומאן פיבער

נאך אסאך מניעות און אסאך תפילות צום אייבערשטן, געפינען זיך שוין אלע, ברוך השם, אויפ'ן פליגער. א פליגער פיל מיט אידן. ס'טוט זיך יעדער זוכט צו פלאצירן דעם האנט-באגאזש העכער די זיצן, צוזאמען מיט'ן טלית און תפילין וואס מוזן זיין צוגעגרייט ביי די האנט, ווייל באלד וועט מען דארפן דאווענען. דערנאך קומט די היט-באקס, און פאר א נויט דארף מען אויך טרעפן פלאץ פאר'ן שטריימל-באקס. בקיצור, ס'איז לעבעדיג.

מען ווארט שוין מיט אומגעדולד: ווען הייבט מען שוין אן צו פארן, אז ס'זאל ווערן אביסל לופטיג? אבער דער עולם איז נאך שטארק פארנומען און מען קען זיך נאך נישט ענדיגן מסדר זיין. איינער דארף נאך צוזאמלייגן זיין רעקל ווייל ער שוויצט שוין צו שטארק.

א צווייטער טוישט זיך איבער צו די קראקס וואס ער האט מיטגעברענגט כדי צו זיין באקוועם; און א דריטער מוז נאך אריינלאפן זאגן א גוטן דזשאוק פאר זיין חבר וואס זיצט אין "פירסט קלעס".

אויף איין זייט זיצט זיך א יונגער סטודענט, א גוי'עלע. ער איז ארויפגעקומען איינער פון די ערשטע. זיין קליינעם בעקפעק האט ער גרינגערהייט מסדר געווען, און ער זיצט שוין מסודר מיט די "עירפאדס" אריין אין די לינקע אויער, נאכדעם אין די רעכטע אויער. זיין אנגעגרייטע דיווייס דארף ער בלויז אנצינדן צו "וואטשן", און ער איז מסודר פאר די קומענדיגע עלף שעה ביז די רייזע ענדיגט זיך.

די אידן כאפן נישט פונקטליך צי ער איז א מענטש צי א סטאטוע, אבער דאס איז די מעשה: ער זיצט ערגעץ

אינצווישן ווען די סטווערד ברענגט אים א טאץ עסן; ער עפנט זיין טישל, עסט אפ אלעס וואס ליגט דארט, און לאזט עס ליגן ביז א צווייטער סטווערד קומט אוועקנעמען דעם ליידיגן טאץ.

אבער לאמיר ענדערש רעדן פונעם אידישן חלק. נאכדעם וואס יעדער איד האט זיך שוין מסדר געווען און פארמאכט דעם סיט-בעלט, האט זיך דער פליגער ענדליך געענדיגט דרייען אויפן ראנוועי און זיך געהויבן אין די לופט.

פאר צוואנציג מינוט זענען אלע זייער וואויל און מ'מאכט א קידוש השם מיט'ן זיצן שיין, ביז מ'הערט ענדליך דעם שטילן פייף אז מ'מוז שוין נישט זיין איינגעשפארט.

נאך אפאר מינוט שטעלט זיך אויף א מנין שחרית מיט די גאנצע זאך. יעדנ'ס טלית און תפילין ווערן אפירגענומען. אח, ס'לעבט! נאך א ווארימע שחרית פלאצירט מען צוריק דעם צוזאמגעלייגטן טלית אינעם טלית-בייטל; דאס טלית-בייטל דארף יעצט נאכאמאל געפינען איר ארט אויבן איבערן סיט, און דער האנט-באגאזש קומט יעצט אריין אין באנוץ.

פיינע טונא-סענדוויטשעס, איינגעפאקט אין סילווער-פעיפער פול מיט הארץ, ווערן אנטפלעקט. מ'האט נאך אפילו גענוג צו אפפערן פארן שכן, צו מאכן זיכער אז יעדער איז צופרידן. אלע ווי איינער דאנקען דעם אייבערשטן. עפעס א קליינינקייט? מ'האלט שוין דא, מ'פארט צום רבי'ן!

נישט לאנג האט מען געלאזט דעם עולם שטיל זיין. עס הערט זיך אויפ'ן מייקראפאן א וויכטיגע אויסרוף פונעם פילאט: "א פראבלעם האט זיך געשאפן מיט מיין קאנעקשאן, ס'איז נישטא קיין נעוויגעישאן און נישט קיין קאמיוניקעישאן. איך ווייס נישט וואו צו פליען, און איך האב נישט קיין שום וועג אנצוקומען קיין מאלדאווע, צו אונזער ציל. מיר קענען ארומפליען נאך אכט שעה אין די לופט ביז די גאזאלין נוצט זיך אויס, און נאכדעם איז מיר נאר געבליבן אייך צו וואונטשן א 'העפי רייזע'".

דער פילאט פארקנאקט דעם מייקראפאן, איבערלאזנדיג דעם עולם אין שאק. א בהלה נעמט איבער די גאנצע לופט וואס איז נאך פארבליבן אינעם פליגער. מ'דיסקוטירט די גאנצע



סיטואציע: וואס טוט מען? מ'קען נישט רופן דעם ראש ישיבה פאר אן עצה אדער א ברכה; מ'איז דא מיט'ן אייבערשטן אין די לעצטע אכט שעה פונעם לעבן.

אבער ברסלב'ע אידן טראכטן אז ס'איז זיכער דא א ישועה אנגעגרייט, מ'געבט נישט אויף. ס'ווערט צוביסלעך שטיל; יעדער בעט דעם אייבערשטן אויף זיין שטייגער - איינער מיט התבודדות און א צווייטער מיט'ן זאגן קאפיטלעך תהלים. די אנגעצויגנקייט קען מען טאפן אין די לופט.

זיצט זיך די יונגע גוי'לע מיט די AirPods. נאך פונקט אין די זעלבע פאזיציע ווי אנהייב וועג, אבער עפעס כאפט ער אויף אז ס'טוט זיך עפעס ארום אים. ער נעמט ארויס דעם לינקן AirPod און פרעגט זיין אידישן שכן: "וואס גייט דא פאר?"

"האסט נישט געהערט דעם פילאט'ס אויסרוף?" פרעגט דער איד צוריק, "אונזער לעבן איז אין א געפאר. איינמאל די גאז פון אן עראפלאן לאזט זיך אויס, האבן מיר נישט קיין טבע'דיגן וועג איבערצולעבן."

דער גוי'לע ווייסט נישט פון קיין מעשיות. זיין מאשינקע וואס ער האט מיטגעברענגט צו watchen ארבעט פיין, אלעס איז מסודר. ער זעט נישט פארוואס מ'דארף זיין באזארגט. די לינקע AirPod איז צוריק אין זיין אויער, און ס'איז א מחיה.

די מצב ארום ווערט מער אנגעצויגן יעדע מינוט, ווען פלוצלינג לעשן זיך אויס אלע לעקטערס און אלע סקרינס; אלעס ווערט חושך. מ'הייבט אן טראכטן: אפשר קומט שוין יעצט אונזער לעצטע מינוט? די בהלה ווערט נאר גרעסער, מען קען שוין נישט הערן דאס אייגענע קול.

דער פילאט קומט ארויס און פרובירט צו מאכן שטיל, דאס מאל אן זיין מייקראפאן, און שרייט איבער אלע קולות: "טענקס פאר אלע פרעיערס, מיר זענען געהאלפן!" ער האט פרובירט צו טרעפן אן עצה, און ס'איז אים בייגעפאלן צו נעמען די ווייער וואס גיט כח פאר די עלעקטריק פונעם פליגער, און עס קאנעקטן צו די סקרינס וואס גיבן אים קאמיוניקאציע מיט די מענטשן אונטן. ער האט די נעוויגאציע צו זען וועלכן וועג צו פארן און לאנדן.

"מיר וועלן ווייטער פליען מיט אויסגעלאשענע לייטס, און ס'נישטא קיין סקרינס צו watchen, אבער טענקס גאט אז מיר וועלן אין געציילטע שעה לאנדן בשלום," האט דער פילאט פארענדיגט.

אלע אידן האבן מיט גרויס שמחה דערציילט זייערע צוגעזאגטע מעשיות פון תפילה, און נישט געקענט אויפהערן זאגן שבח אייבערשטער פאר די נסים.

יעצט איז געקומען די רייע פונעם גוי'לע זיך צו לאזן הערן. ער האט זיך גענומען שעלטן און שרייען: "פונקט יעצט ווערט איר פריילעך? איך וויל איינשטעקן מיין דיוואיס ווייטער צו קוקן, אבער עס איז נישטא קיין עלעקטריסיטי. מיין גאנצע רואיגקייט איז צושטערט, וואס וועל איך יעצט טון די איבריגע פאר שעה?"

די ארומיגע יונגעלייט צעלאכן זיך פונעם גוי'ס טיפשות. וועמען שטערט יעצט די בלעקאויט, ווען מ'ווייסט אז דאס וועט אונז העלפן אנצוקומען צום רבי'ן?

ווען אזא מעשה וואלט באמת פאסירט, וואלטן אונזערע טייערע מענער טאקע געווען אזוי פריילעך אז מ'קען אנקומען צום רבי'ן, אז אלע ארומיגע זאכן פאלט שוין אוועק. מ'איז גרייט דורכצוגיין יעדע מניעה. וואס פארשטייט דען א גוי פון אונזער ציל פון פארן צום רבי'ן?

אין אונזער לעבן בכלל זעט אויס אמאל אזוי ווי די עלעקטריק איז אויסגעלאשן. איך זע נישט קיין איין זאך אין מיין לעבן וואס איך זאל קענען ארויסקוקן דערויף צו זיין פריילעך; וואס לוינט זיך אנצוגיין? מ'זעט נאר טונקלקייט. אבער ווען דו וואלסט געהערט פונעם פילאט – פונעם אייבערשטן – פארוואס די שוועריגקייט מוז יעצט געשען, וואלסטו געטאנצן פאר שמחה, וויסנדיג אז דוקא די טונקלקייט וועט העלפן פירן צום ציל.

איך לעב אויף דער וועלט פאר א סיבה, כדי אנצוקומען ערגעץ. איך בין נישט קיין גאסן-יונג, וועמענס גאנצער שכל שטעלט זיך אפ ביי די מינוט'יגע הנאות. דער גוי, להבדיל, ביי אים איז נאר נוגע די יעצטיגע מינוט און סעקונדע; וואס עס וועט געשען אין א פאר שעה ארום האט שוין נישט קיין פלאץ אין זיין מצומצם'דיגן מוח, וואס איז אזוי שמאל ווי די עפענונג פון א סעלצער באטל.

לאמיר געבן א גוטע געפיל פאר אונזערע מענער ווען זיי פארן ארויס קיין אומאן. איינער וואס זיין מח האט אביסל א ברייטערע עפענונג, פארגינען צו לאזן פילן אז זיי טוען עפעס וואס לוינט זיך פאר שפעטער, אפילו ס'איז דא שטיינער אינמיטן וועג. מיר וועלן עס מאכן ווי מער געשמאק און פריילעך, ווייל מיר ווייסן דעם סוף - פארוואס די אלע שטיינדלעך ליגן אין וועג. דאס זענען אלץ נאר קליינע שטיינדלעך און קורצע "בלעקאאוטס" וואס ליגן אין וועג, און דוקא דאס וועט אונז ברענגען צום גרויסן ציל.

לאמיר זיך האלטן on top of the game, זיך פריילעך מאכן מיט וואס מ'קען, כדי עס זאלן בלייבן גוטע זכרונות וואס וועלן ארויפשווימען ווען מ'רעדט פון אומאן פיבער.

# קלאסיפייד

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה און 1 בעדרום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר שבתים און ימים טובים.

**רופט ראובן בירנבוים**

347–549–5625









Selling static lipstick and makeup products.
Perfumes and more

call 347–415–2888
Tami Pinter

## Phone services

We offer quality phone sales and expert repair services!
We also specialize in camera repairs.

**רופט יודל פעלדמאן**

845–538–1114

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה גדלי' אפפעל הי"ו**

וזוגתו רחל תחי'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל סאמעט הי"ו**

וזוגתו מלכה תחי'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

dominogrp.com

loop
PLUMBING
Reliable plumbing solutions
917.202.1206

## צו פארדינגען

א גרויסע 7 בעדרום דירה צו פארדינגען פאר זומער שבתים.
אנטהאלט א שיינע גרויסע קאך, דיינונג רום, פלעי רום.

**רופט**

347–563–0545

## און עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161
ads@bletelmagazine.com

# קינדער היים

שיחה אין בילד:

## טרעף צו די שיחות פון רבי'ן



משפחת גליק:

## איך פיר נישט די וועלט



# דעם רבינ'ס חדר

## טרעף צו

**וועלכע סליחות זאגן די אשכנז'ישע אידן פון ראש חודש אלול?**

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

פון ווען הייבן די ספרד'ישע אידן אן צו זאגן סליחות?
**ראש חודש אלול**



## מילתא דבדיחותא

### אויפגעטוישט

א איד האט זיך אויסגערעדט צו זיין חבר אז ער האט נישט קיין פרנסה, האט אים די חבר גע'עצה'ט צו ווערן א שדכן און א בדחן, צוויי גוטע פרנסות.

נאך א שטיק צייט טרעפט אים די חבר און פרעגט אים וויאזוי ס'גייט זיינע נייע דזשאבס, האט ער געענטפערט: "זייער פיין, אבער איין פראבלעם, אנשטאט איבערטראכטן מיינע שידוכים און לאכן פון מיינע דזשאוקס, לאכט מען פון מיינע שידוכים און מ'דארף איבערטראכטן מיינע דזשאוקס"...

### באצאלט

"א בחור'ל איז אמאל ארויפגעקומען אויף א באס אן געלט, ער בעט א איד אויב ער קען אים געבן פינף דאלער פארן באס, דער איד הייבט אן שרייען אויף אים "ביסט א שנארער, האסט קיין אחריות אליין צו ברענגען געלט?"

דער בחור האט אים געוואלט צופיקסן, ווען ס'קומט צום באצאלן און דער דרייווער בעט אים געלט דרייט ער זיך אויס צו דעם איד: "טאטי באצאל", ער זאגט אים "איך בין נישט דיין טאטע, איך האב גארנישט מיט דיר", "מיין טאטע טוט עס אלעמאל ער מאכט זיך נאריש, באצאל טאטי, נו"... דער דרייווער האט אים נישט אפגעלאזט וואספארא מופקר ער איז אז ער באצאלט נישט פאר זיין זון, בלית ברירה האט ער געמוזט באצאלן...

אויפן וועג אראפ רופט ער זיך אן צום איד און זאגט אים: "ביסט נישט מיין טאטע, אבער באצאלט האסטו ווי א טאטע'לע..."

## ספר המדות'ל

### אֲכִילָה

**יא. מִי שֶׁשּׂוֹנְאָיו נִתְרוֹמְמִים, הוּא נוֹפֵל לְתַאֲוַת אֲכִילָה.**

דֶער וָואס זַיינֶע פַּיינְט וֶוערְן דֶערְהוֹיבְּן, פַּאלְט אַרַיין אִין דִי תַּאֲוָה פוּן עֶסְן.

## בחידה טובה

**1. וויאזוי קען זיין אז איינער שטייט אויף א דרייסיג פיסיגע לייטער, ער טראסקעט אראפ ביז דער ערד, און ס'האט אים גארנישט ווי געטון?**

**2. ראובן שמעון און לוי האבן זיך אפגעשטעלט אינמיטן וועג עסן עפעס, ראובן נעמט ארויס דריי חלות און שמעון צוויי חלות, און אלע דריי הייבן אן עסן. ווען ס'קומט צום באצאלן נעמט לוי ארויס א פינעווער, האט ראובן גע'טענה'ט אז ער אזוי ווי ער האט געגעבן דריי חלות און שמעון צוויי דארף ער באקומען דריי דאלער און שמעון צוויי, שמעון האט גע'טענה'ט האלב און האלב, איז מען געגאנגען צום רב און ער האט גע'פסק'נט אז ראובן באקומט פיר דאלער און שמעון איינס, וואס איז די סיבה?**

---

**חידות און ענטפערס פון פאריגע וואך:**

1. וועלכע צייט איז עס ווען די גרויסע שטעקן ביי א זייגער איז ביי די 12 און די קליינע שטעקן איז צווישן די 6 און די 7? **צייט צו קויפן א נייע זייגער**

2. וועלכע שטיקל ביי תפילת שחרית האט יעדער אינזין (נישט להלכה, נאר אין פאקט)? **היום יום....בשבת... ווייל אויב מען טראכטן נישט וועלכע טאג עס איז, קען מען עס נישט זאגן!**

# יאָרצייט

דער הייליגער

**יטב לב**

זי"ע

יארצייט:
ה' אלול

**דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דִינְסְטָאג, ה' אֱלוּל, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יְקוּתִיאֵל יְהוּדָה טֵייטְלְבּוֹים, דֶער "יֵטֶב לֶב" זי"ע. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זוּן פוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר נִיסָן, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער בֶּן יָחִיד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן "יִשְׂמַח מֹשֶׁה" זַצַ"ל.**

## לֶערְנֶען תּוֹרָה

בַּיי דִי זִיבְּן יָאר אִיז עֶר אַמָאל גֶעפָארְן מִיט זַיין טַאטְן צוּ זַיין הֵיילִיגְן זֵיידְן דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה.

זַייעֶנְדִיג דָארְט הָאט דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוֹן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר נִיסָן עֶר זָאל אוֹיךְ זָאגְן תּוֹרָה.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ זַיין זִיבְּן-יֶערִיג אֵיינִיקְל אוֹן אִים גֶעזָאגְט: "עֶס שְׁטֵייט 'לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ', דִי תּוֹרָה זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן פוּן אוּנְז, פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוֹן פוּן אוּנְזֶערֶע אֵיינִיקְלֶעךְ; זָאג אַ תּוֹרָה אַז דִי בְּרָכָה זָאל אָנְהַאלְטְן."

דֶער יוּנְגֶער זַלְמָן לֵייבּ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ תּוֹרָה, וֶועלְכֶע עֶר הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעדְרוּקְט אִין זַיין סֵפֶר "יֵטֶב לֶב" (פַּרְשַׁת וַיְחִי).

צוּ זַיין בַּר מִצְוָה הָאט אִים זַיין הֵיילִיגֶער זֵיידֶע גֶערוּפְן אוֹן אִים גֶעזָאגְט, אַז עֶר זָאל גוּט דוּרְכְלֶערְנֶען אֵיין סוּגְיָא אוּן מַאכְן דֶערְפוּן אַ שֵׁיין פְּשֶׁטְ'ל לְכָבוֹד זַיין בַּר מִצְוָה.

דֶער יוּנְגֶער מַתְמִיד הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, אוּן צְוֵויי טֶעג נָאכְאַנַאנְד הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעלֶערְנְט.

עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם חִידוּשׁ.

וֶוען עֶר הָאט עֶס מִיט פְרֵייד גֶעוִויזְן פַארְן זֵיידְן, הָאט זִיךְ דֶער זֵיידֶע צוּשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶער חִידוּשׁ, אָבֶּער דֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ הָאט דָאס שׁוֹין מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען."

זַלְמָן לֵייבּ הָאט זִיךְ וִוידֶער גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען אוֹן נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען מִיט אַ חִידוּשׁ, אָבֶּער וִוידֶער הָאט אִים דֶער זֵיידֶע גֶעזָאגְט אַז דָאס שְׁטֵייט שׁוֹין אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע סְפָרִים.

אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל, בִּיז עֶר אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ חִידוּשׁ וָואס זַיין הֵיילִיגֶער זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען צוּפְרִידְן דֶערְפוּן.

## וָואס הָאט דָאס מִיט אוּנְז?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען אַלֵיין אוֹיסְפִירְן. וֶוען מִיר לֵיינֶען וָואס צַדִיקִים הָאבְּן גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן אִין זֵייעֶר יוּנְגְן עֶלְטֶער - לְמָשָׁל, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר הַמִידוֹת (חֵלֶק א') אַלְץ קִינְד - כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אַ מַחֲשָׁבָה: "דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אוּנְז." אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גִיט אוּנְז אַלֶע אַ וֶועג וִויאַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען קוֹנֶה זַיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה כּוּלָהּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַ 'דֶרֶךְ הַלִימוּד', אַ וֶועג וִויאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען וָואס אִיז גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אִיד אוּן פַאר יֶעדֶע קִינְד, פוּן יֶעדְן עֶלְטֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער - דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוֹן אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים - אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט מֶען אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה בַּאוַוייזְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ, וִויל דֶער מֶענְטְשׁ נָאר אֵיין זַאךְ:

"לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ." דָאס אִיז וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיי אוּנְזֶערֶע צַדִּיקִים.

אִיז וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען? אוֹיף דֶעם גִיבְּט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיךְ אַן עֵצָה: "תְּפִילָה!" מִיר זָאלְן דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיס מַאכְן דִי תּוֹרָה פַאר אוּנְז, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען: "וְהַעֲרֶב נָא... אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ..."

מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן, פוּנֶעם 'דֶרֶךְ הַלִימוּד' אִינְאֵיינֶעם מִיט תְּפִילָה, קֶענֶען מִיר אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

## עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ תּוֹרָה

דֶער הֵיילִיגֶער יֵטֶב לֵב אִיז גֶעוָוארְן אַן אֵיידֶעם בַּיי אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק, רֶבִּי מֹשֶׁה דָוִד אַשְׁכְּנַזִּי זַצַ"ל, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶועזְן רַייךְ אִין תּוֹרָה אָבֶּער אָרֶעם אִין גֶעלְט. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אָרֶעם, אַז אִינְמִיטְן וִוינְטֶער הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן הָאלְץ מִיט וָואס מֶען פְלֶעגְט מַאכְן אַ פֵייעֶר אָנְוַוארִימֶען דִי שְׁטוּבּ. אִינְמִיטְן וִוינְטֶער אִיז דִי שְׁטוּבּ גֶעוֶוען אַזוֹי קַאלְט, אַז דִי צֵיינֶער הָאבְּן גֶעצִיטֶערְט פַאר קֶעלְט.

אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער שְׁוֶוער מִיט זַיין הֵיילִיגְן אֵיידֶעם הָאבְּן אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט



# יאָרצייט פון ד' וואָך

דער הייליגער
## יטב לב
זי"ע

יארצייט:
ה' אלול

צוּ לֶערְנֶען, אַז זֵיי פְּלֶעגְן זִיךְ אַייְנְוִויקְלֶען אִין דָאכֶעגֶעס אוֹן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעלֶערְנְט אוֹן גֶעלֶערְנְט, נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס.

דֶער הֵיילִיגֶער יֵטֶב לֶב הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ "טַעַם עוֹלָם הַבָּא"; עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא גוּטְן טַעַם פוּן יֶענֶע קַאלְטֶע וִוינְטֶער טֶעג, וֶוען דִי תּוֹרָה הָאט זֵיי אָנְגֶעוַוארֶעמְט!

## נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צַדִיק

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער יֵטֶב לֶב גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דִי שְׁטָאט זְבַארוּב. דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיסֶע "בְּרוּכִים הַבָּאִים". עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע אִידְן.

פַארְוָואס פְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק וֶוען אַ צַדִיק קוּמְט? וַוייל אַ צַדִיק בְּרֶענְגְט אוּנְז נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַאכְט אוּנְז פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְש, אוּן מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט.

דֶער גוֹיאִישֶׁער פָּרִיץ פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעזֶען אַז עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב קוּמְט פַאר בַּיי דִי אִידְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר נֵייגֶערִיג.

"וָואס גֵייט דָא פָאר?"

אִיז עֶר אַרוֹיס אִין גַאס אוּן גֶעפְרֶעגְט אַ אִיד: "וֶועלְכֶע יוֹם טוֹב אִיז הַיינְט?"

דֶער אִיד הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז אַ גְרוֹיסֶער רָב קוּמְט אִין שְׁטָאט אוּן יֶעדֶער אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ. דֶער שְׁלֶעכְטֶער גוֹי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַז דִי אִידְן גֶעבְּן אַזַא כָּבוֹד פַאר אַ רָב.

"נָאר אִיךְ מֶעג הָאבְּן כָּבוֹד," הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ מִיט כַּעַס. "אִיךְ וֶועל גוּט פַארְשֶׁעמֶען דֶעם רָב," הָאט עֶר וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס.

דֶעם נֶעקְסְטְן טָאג הָאט עֶר גֶערוּפְן דֶעם רֹאשׁ הַקָהָל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל זֶען דֶעם גְרוֹיסְן רָב פַאר וֶועמֶען אִיר מַאכְט אַזַא גְרוֹיסֶע בָּרוּךְ הַבָּא."

דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִיק אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ. "מִיר הָאבְּן אַ שְׁלֶעכְטְן פָּרִיץ וָואס הָאט פַיינְט אִידְן, אוֹן עֶר זָאגְט אַז עֶר וִויל זֶען דֶעם רָב. מִיר וֵייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן."

דֶער יֵטֶב לֶב הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם. "זָאל עֶר אַדוּרְכְגֵיין מַיין דִירָה אוּן אִיךְ וֶועל אַרוֹיסְגֵיין אוֹיפְ'ן בַּאלְקָאן (פָּארְטְש), אַזוֹי וֶועט עֶר מִיר זֶען."

דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אִיז צוּרִיק צוּם פָּרִיץ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וָואס דֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט.

דֶער פָּרִיץ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִיז אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן נֶעבְּן דִי אַכְסַנְיָא (דָאס פְּלַאץ וואוּ דֶער צַדִיק אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען). דֶער יֵטֶב לֶב הָאט טַאקֶע גֶעהַאלְטְן וָוארְט אוּן אִיז אַרוֹיס אוֹיפְ'ן בַּאלְקָאן.

וֶוען דֶער גוֹי הָאט אִים גֶעזֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁפֵּייעֶן אוֹן שְׁרֵייעֶן: "פוֹי! פַאר אַזַא נַארִישְׁן מֶענְטְש גִיט מֶען אַזוֹי פִיל כָּבוֹד?!" דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן לַאכְן הוֹיךְ, אוֹן מִיט אַ שִׂמְחָה פוּן נִצָּחוֹן אִיז עֶר שְׁנֶעל אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין פַּאלַאץ.

אָבֶּער נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען זַיין שְׁטְרָאף. וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַרַיינְגֵיין אִין זַיין פַּאלַאץ, אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ צִיגְל פוּן אוֹיבְן אוּן אִים גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם קָאפּ, דֶער שְׁלֶעכְטֶער גוֹי אִיז גְלַייךְ גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיפְ'ן גַאס.

יֶעדֶער הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט זִיךְ אָן וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צַדִיק; מֶען טָאר נִישְׁט ח"ו מְצַעֵר זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קִידוּשׁ הַשֵּׁם.

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**

# שיחה אין בילד

**טרעף צו וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט זיך דעם בילד**





**ענטפער פון פאריגע וואך:** ווען משיח וועט קומען וועט געלט שטינקען, אלע וועלן אוועקווארפן די געלט און נאר וועלן זיין נאנט צום אייבערשטן!

# מִשְׁפָּחַת גְלִיק

## אִיךְ פִּיר נִיְשְׁט דִי וֶועלְט

צוּרִי דֶערְצֵיילְט

אִיךְ קֶען כִּמְעַט נִיְשְׁט גְלֵייבְּן אַז אוּנְזֶער קְלֵיינֶע נְתַנְאֵל אִיז זִיךְ גֶעוָוארְן אַ קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶע. עֶר אִיז אַזוֹי זִיס, מִיר עֶסְן אִים כִּמְעַט אוֹיף.

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס נְתַנְאֵל קֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם קְרִיכְן. מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אִים צוּ לֶערְנֶען שְׁטֵיין אַלֵיין. דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט שְׁטֵיין אַלֵיין. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע שִׂמְחָה בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה.

צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט שְׁטֵיין בֶּעסֶער אוּן פַאר לֶענְגֶער. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וָואקְן שְׁטוּפְּנְדִיג זַאכְן.

מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז נְתַנְאֵל לֶערְנְט זִיךְ צוּ טוּן אַלֶע דִי זַאכְן. מִיר הָאבְּן עֶס בֶּאֱמֶת בַּאוואוּנְדֶערְט ווִי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. אַזַא נֵס! אַ קְלֵיין קִינְד וֵוייסְט וִויאַזוֹי צוּ קְרִיכְן. אַזַא נֵס! אַ קְלֵיינֶע קִינְד לֶערְנְט זִיךְ צוּ שְׁטֵיין. שְׁכּחַ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער!

אֵיין טָאג אִיז נְתַנְאֵל גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן פוּן דִי קָאךְ, אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן נִיְשְׁט וַוייט פוּן אִים מִיט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייטֶע הֶענְט. "קוּם נָתִי, קוּם צוּ צִירִי" (אַזוֹי וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זָאלְן רֶעדְן מִיט אִים, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוֹן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים). קֶענְסְטוּ דִיר פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה וֶוען נָתִי הָאט גֶעמַאכְט דְרֵיי טְרִיט צוּ מִיר? דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעלָאפְן אוֹן גֶעפַּאטְשְׁט אוֹן גֶעזוּנְגֶען אוֹן גֶעדַאנְקְט דִי בַּאשֶׁעפֶער. מִיר הָאבְּן אֲפִילוּ גֶערוּפְן דִי בַּאבֶּעס צוּ מִיטְטֵיילְן דִי שִׂמְחָה.

נָאךְ בְּעֶרֶךְ צְוֵוי-דְרֵיי וָואכְן אִיז נָתִי גֶעוֶוען גְרֵייט פַאר שִׁיךְ. מַיין מַאמֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אוּן גֶעקוֹיפְט שֵׁיינֶע בְּלוֹיעֶ שִׁיךְ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי זִיס צוּ זֶען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט צוּ וָואקְן גוּט מִיט דִי שִׁיךְ.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ בֶּאֱמֶת גֶעלֶערְנְט פוּן אִים. עֶר הָאט גֶעוָואקְט אוּן גֶעפַאלְן, גֶעוָואקְט אוּן גֶעפַאלְן, אָבֶּער עֶר הָאט נִיְשְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר כְּסֵדֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוֹן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְט צוּ וָואקְן. עֶס אִיז אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבּ זִיךְ



ח. צ. גליק

אויף און טו תְּשׁוּבָה.

הַיינְט זֶענֶען מִיר גֶעזֶעסְן אִינְדְרוֹיסְן, אוּנְטֶער אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע בּוֹים. שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִיט תְּפִילָה הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען גֶעשְׁמַאקֶע בֶּענְקְלֶעךְ צוּ קֶענֶען הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי גוּטֶע שָׁאטְן. נָתִי אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיף מַיין מַאמֶע׳ס שׂוֹיס און זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט אִיר.

צוּם עֶרְשְׁט אִיז מַיין מַאמֶע׳ס הַאנְט גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַארְמַאכְט. נָתִי הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ אוֹיפְמַאכְן אֵיין פִינְגֶער. אוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵייט וֶוען עֶס הָאט אִים גֶעלוּנְגֶען. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צוּ אוֹיפְמַאכְן דִי נֶעקְסְטֶע פִינְגֶער, און וִוידֶער אִיז עֶס אִים גֶעוֶוען אַ גֶעוִוינְס וֶוען עֶר הָאט גֶעקֶענְט. אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אֵיין פִינְגֶער אוֹיפְאַמָאל.

נָאכְ׳ן עֶנְדִיגְן אַלֶע פִינְף פִינְגֶערְס, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן צוּ צוּמַאכְן דִי פִינְגֶערְס. אִיךְ הָאבּ הַנָאָה גֶעהַאט זִיךְ צוּצוּקוּקְן וִוי זִיס עֶר שְׁפִּילְט.

מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעוִוינְקֶען, און מִיר הָאבְּן צוּזַאמֶען גֶעלַאכְט. אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז אַ שְׁפִּיל. וֶוען נָתִי הֵייבְּט אוֹיף אַ פִינְגֶער, און דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר לֵייגְט עֶס אַרָאפּ, טוּט עֶס בֶּאֱמֶת מַיין מַאמֶע. נָתִי מִיט זַיין יוּנְגֶע שֵׂכֶל מֵיינְט נָאךְ אַז עֶר אִיז שְׁטַארְק און טוּט עֶס אַלֵיין.

"צוּרִי", הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעזָאגְט, "קוּק אוֹיף נָתִי. עֶר מֵיינְט אַז עֶר רוּקְט דָא מַיין פִינְגֶערְס. עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַז בֶּאֱמֶת הֵייבּ אִיךְ עֶס אוֹיף וֶוען עֶר פְּרוּבִּירְט אַזוֹי שְׁוֶוער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז כִּבְיָכוֹל בַּיי אוּנְזֶער גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מִיר טוּעֶן אַלֶעס. וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט דִיר, אָדֶער וֶוען אוּנְזֶער שָׁכֵן הָאט גֶענוּמֶען דִי בֵּייק אָן רְשׁוּת, אָדֶער דוּ הָאסְט פַארְפַּאסְט דִי בָּאס, וֶוער הָאט עֶס גֶעמַאכְט גֶעשֶׁען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! דֶערְפַאר וֶוען עֶפֶּעס גֶעשֶׁעט, דַארְף מֶען זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנֶען אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט.

וֶוען דוּ קֶענְסְט שֵׁיין מָאלְן, דוּ קֶענְסְט הֶערְלִיךְ טַאנְצְן, דוּ קֶענְסְט גוּט לֵיינֶען, אָדֶער אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען, וֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי מַתָּנָה? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וַוייל אַלֶעס טוּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְפַאר זָאגְן מִיר שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**אשרינו, מה טוב חלקינו,**
**שזכינו להתקרב לרבינו!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | י | י | ל | י | ג | נ | י | ט |
| א | ז | א | ל | ח | א | ר | ק | א |
| ו | ו | י | ל | ז | ז | ט | א | ג |
| י | ו | כ | י | י | א | ב | ק | ש |
| פ | ר | א | ו | נ | ס | ל | ע | ס |
| א | ב | א | כ | כ | ו | פ | ו | ט |
| מ | י | כ | נ | ו | פ | ש | ל | ב |
| א | א | י | א | ק | נ | ר | מ | ח |
| נ | ד | א | ב | ו | ו | ח | ט | ז |
| ה | ק | כ | ה | ע | ט | מ | ס | י |
| ש | י | ע | ע | פ | ר | ת | ע | י |
| א | ס | פ | ל | מ | א | ש | ה | נ |
| ז | ת | ו | פ | א | י | נ | ט | ק |
| צ | ו | ו | א | כ | ש | ר | א | נ |
| ב | י | כ | נ | ה | ע | ב | ג | א |
| ס | מ | ק | ה | ד | צ | ו | מ | כ |
| ח | ת | ד | ר | ב | י | נ | ש | צ |
| מ | ע | ו | ע | ה | ז | ו | ל | ט |
| ר | ש | ע | צ | מ | ו | ס | ד | ב |

דו בעט דעם אייבערשטן טאג נאך טאג, וואך נאך וואך: "**רבונו של עולם העלף מיר איך זאל אנקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, איך וויל זוכה זיין דער רבי זאל מיך מתקן זיין**".

*(עצתו אמונה מטו"א תשע"ח)*

# קליין און שיין



יוסי אינדיג


אלי קרויס - ביתר


נחמן נתן בריל


סילקי ראטענבערג


ערשטע קלאס שטעטל - צדקה פושקע


פייגי בוים


אליעזר שלמה שניצלער


הינדי יאקאבאוויטש


חוה לאה און שרי פערל


מאטי העסקעל

# מיט תפלה






געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון "קול ברסלב" האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.



3
דֶער בַּעַל בִּטָחוֹן
אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר.
דֶער קֶענִיג לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס נָאכְצוּזוּכְן, אוֹיב אִיז דָא אֵיינֶער פְרֵיילִיכֶער פוּן אִים.
דֶער קֶענִיג גְלֵייבְּט נִישְׁט וָואס עֶר זֶעט...
וויאַזוֹי קֶען אַן אָרֶעמַאן זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ? עֶר הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט! אִיךְ מוּז אַרַיינְקְלַאפְּן אוּן אוֹיסְפְרֶעגְן דֶעם אִיד...
קנאַק קנאַק
קוּמְט אַרַיין! מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ מְכַבֵּד זַיין?
פַיין פַיין. פַארְצֵיילְט מִיר אַבִּיסְל וָואס אִיר טוּט, אוּן וָואס מַאכְט אַייךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ...
אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן...
לֵיינְט וַוייטֶער קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִי"ה.



בעזרת השם יתברך
בית פיגא ברסלב טוט פארשטעלן:
צער
בן מלך
פון
דיימאנטן
Admission:
$40
Sunday, August 16 2:00 PM | Sunday, August 16 8:00 PM
112 College Road, Building E Loch Sheldrake, NY 12759
For reservations / Ticket Info: 845.803.4697
NO STROLLERS | AGES 8+
dominogrp.com